ערשטער יאָרגאַנג | יאַנואַר־פעברואַר 1926 | נומער איינס

# אונדזער בוך

צוויי־מאָנאַטלאַכער זשורנאַל
פאַר ליטעראַטור און קריטיק

רעדאַקטירט פון
יצחק ליבמאַן

יעקב גלאַטשטיין:

## ער און זונשטראַל

אז אַ מענטש גייט אַרום איינזאַם און זעט זיך אין אַלע שפּיגלען פון דער גרויסער שטאָט פאַררונצלען און אונטערגיין און מיט אים שפּיגלט זיך די מורא פאַר דער עלטער — איז זייער ניט גוט. איינזאַמקייט און עלטער — צוויי קוליעס, און ער אָנגעלענט אויףביידן — וואו וועט ער דערשפּאַנען?

וואו וועט זי דערשפּאַנען?

אין איין טייל פון שטאָט האָט געשפּאַנט אַ מענטש: מאַן און זיין מורא, און אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט אַ מענטש: פרוי אין איר מורא. איר עלטער איז געווען אינגער פון זיין עלטער, אָבער מוראדיקער. גאַסן פון שטאָט קרייציקן זיך און זיי האָבן זיך באַגעגנט.

ע ר : איך האָב דיך ליב.

ז י : איך מוז דיך ליב האָבן.

אַ שטיל געזאַנג פון איינזאַמע, קאַלטע האַרבסטיקע צווייגן. פאַרפרוירענע פייגל טוליען זיך און וואַרימען זיך, וואַרימען אויס צוגעבונדנקייט און

ז י : איך וועל עס רופן ליבע.

דאָס נייע מעבל, די שטילעווינקעלאך פון די צימערן, דאָס ציכטיקייט פון בעטגעוואַנט זיינען אויך פילאָזאָפישע ליגנערס און שטימען איין.

כ אָ ר פ ו ן ש ט ו ב : מיר וועלן עס אַלע רופן ליבע.

ער האָט ניט קיין סך צו דערציילן. אין בלויז עטלאַכע טעג האָט ער איר פאַרגעלייענט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע, פאַרמאַכט דאָס קליינע ביבעלע און אַ גענעץ געטאָן. האָט זי דערפאַר איינגעלאַדן אירם אַ פריינט. איז ער ניט געקומען, איז ער ניט געקומען, איז ער ניט געקומען.

איז זי געלעגן ווי אַ קעצל יעדן מאָרגן שפּעטלאַך אין בעט און געטראַכט:

— פאַרוואָס קומט ער ניט? פאַרוואָס קומט ער ניט? פאַרוואָס קומט ער ניט?

האָט זי גענומען און איבערגעלייענט איר לעבנס־געשיכטע צו אים. עטלאַכע טעג געלייענט, און מער איז גאָרניט געשען. זאָל זי אויך אַ גענעץ טאָן?

דער פריינט, וואָס איז אַזוי האַרציק איינגעלאַדן געוואָרן פון איר, איז געווען אַ זונשטראַל, וואָס האָט שוין פאַרבלאָנדזשעט ניט אין איין מיידלש שלאָפצימער און, לויט האָבן געזאָגט, אַפילו צו ווייבער.

ער האָט גאַנץ גוט געהערט וואָס לויט האָבן געזאָגט — איז אים אַ נייע מורא נאָכגעלאָפן ווי אַ הינטל. אויב זונשטראַל זאָל חלילה פאַרבלאָנדזשען צו מיר, איז אַ סוף — בלייבט מיר צוריק מיין עלטער און מיין איינזאַמקייט.

גאָר אַנדערע געדאַנקען האָבן זיך געשפּילט מיט אירע בריסט יעדן מאָרגן און זיי געצערטלט. אויב ער זאָל אַמאָל פאַרבלאָנדזשען.

האָט ער אַלץ ניט פאַרבלאָנדזשעט. נאָר אַמאָל האָבן זיך אַלע דריי געטראָפן צופעליק אויף אַ שפּאַציר.

ז י : פאַרוואָס זעט מען אייך ניט?

ע ר : (אַלץ אין אים חלשט און שטאַרבט).

ז ו נ ש ט ר אַ ל : וואו וואוינט איר?

ז י : גאַס, נומער, גאָרן, צימער. קומט, קומט. קומט, קומט.

ע ר (געצוואונגענע גאַלאַנטקייט ווינט

ביי אים פון די אויגן, ער קנייפּט אוים שטי־קער פלייש ביי זיין מורא און) שטאמלט: קומט!

און כאפּט זי, און ווערט פויגל־לייכט, און פליט אוועק מיט איר הויך און העכער. צוויי פייגל פליען און טראָגן זיך אוועק און אוועק.

אפשר זייגען שוין א פּאָר טעג פאראיבער. אונטן גייט זונשטראל. גייט צו צום הויז. דינג־דינג־דינג, דאָס גלעקל ציטערט. די הויז־אויפפּאסערן קומט ארוים און זאָגט: מיין הער, זיי זיינען אוועקגעפלויגן. אָט קוקט אויבן. זעט, ווי זיי פליען. האָבן ארויסגע־שלעפּט יעדעס שטיקל מעבל דורכן פענצטער און אוועקגעפלויגן. אפילו קיין דירה־געלט ניט באצאָלט.

אוועק איז אוועק.

באשלאָסן, הייסט עס, אוועקפליען. מיט א שווער הארץ גייט ער ארויף די טרעפּ. זיין גאנצע פעטקייט ווערט ער אָן קלעטערנדיק אויף די טרעפּ און ווערט אזוי דין ווי א רויך־זייל. די טיר איז צוגעמאכט, אָבער ער גייט אריין דורך דער שפּארע און רוקט זיך און שפּאצירט דורך אלע ווינקלען אריין און ארוים, ארוים און אריין.

קיינער איז ניטאָ אין הויז. איר וואַ־רימקייט פלאָנטערט זיך ביי אים אין קאָפּ אויף לאנגזאמע נעדאנקען ־ רעדער. אפשר וואָלט טאקע געווען א יושר ערגעץ זיך באַ־זעצן אין א נעסט אויף א צווייג. ער און זי וועלן וויגן די צווייג אהין און אהער. אלע טאָג וועט ער זיך ארויסגנבענען און גיין צו דער ארבעט. א שטילע פרייד וועט אים זינ־גען און באגלייטן אויפן וועג: דאָרט — ווייט, אין א געדיכטן וואלד, אין א פויגל־נעסט, ליגט זי און בענקט מער ניט, ווייל וואָס וועט דאָ העלפן דאָס בענקען.

די דירה ווערט פּוסטער און קריגט ווידער ווענט, שווערע מעבל, וואָס מען דאַרף האָבן שווערע הענט עס אוועקצוטראָגן. זעצט ער זיך אוועק און הויבט ווידער אָן צו מישן זיין לעבנס־ביכעלע פון סאמע אָנפאנג אָן און די מורא ביי אים נאָגט — אויב זונשטראל זאָל חלילה קומען.

און ביי איר אין מוח וועבט זיך:

— וועט ער — וועט ער — וועט ער קומען?

וואָס זשע שמייכלען אזוי קלוג — דאָס מעבל, די שטילע ווינקלען פון צימער, דאָס ציכטיקייט פון בעטגעוואנט, צט די פילאָזאָ־פישע ליגנערס?

ז י (קוקט אויף אים): איך וועל עס נאָך אלץ רופן ליבע.

א פיסל פון טיש גיט א קרעכץ:

א ברירה האָבן מיר?!

מארק שוויד:

# סאָנעט

(פון דער אלטער היים)

אויב שענקייט, אמת זיינען בלויז אבסטראקטן,
לויט ס'האָט דיין שווייגן נאָך די דרייצן יאָר גערעדט,
דאן וואָס הוץ אונזער טויטער ליבשאפט איז קאָנקרעט,
און וואָס קען בליען אויפן זאמד פון פאקטן?

געאקערט האָבן מיר אויף פרעמדע טראקטן,
איצט שטייען מיר ווי שאָטן קעגן שאָטן שטום,
מיט האס פון ליבשאפט קוקן מיר זיך שטאַר ארום
און לעזן שטום באשולדיקונג לויט אקטן.

אונדז ווייזט זיך אוים: אָט גליט דער סאלאמאנדער,
נאָר ס'שווארצע שווייגן בייטשט אונדז בייז פאנאנדער
און שווער געפינען מיר צוריק די וועגן.

צוריק באזונדער — וואָס קען אונדז דערמאָנען,
אז וועלט איז וועלט, חוץ טאָג וואָס איז פאראנגען
און חוץ די ברכה פון א מילדן רעגן?

1928

יעקב גלאַטשטיין

# ווען דזשאָים וואָלט געשריבן אידיש.

## אַ פּאָר אָדע

**יאָלאַנציאַ:** זעך געקימען מיט אַך עבענזאַ דערכשפּרעכן וועגן דעם באַטאַט פון

**פּאַטריציאַנאַ:** דער קריקגייטער וועט אַך עפענען די אויגן ער וואוינט

**יאָלאַנציאַ:** סישאַוועשעקער! דער קריקגייטער וויל זעכזעלבערט די ענטלאַך ניט אַנראַכטן. יעדן זאַנדאַק שאַבעסגוידעש צים ער אַן די קאַפּוירטע און מיט פאַרשיוטלטן לאַשן זאָדיקט ער מיט טראַפ מאַווירנעס פאַר דעם רידערפּשיפּאַטעללייבנלעזערקוראַנכבד וועגן דעם ליטעראַטוכעס

**פּאַטריציאַנאַ:** דער אימרי אַף שרייב־צייגער וואַקוואַקלט הינצוריק מיט אומ־רו אומ־רו אומ־רו. מיר קאַמפן קייגן וואָרט וואָס געבוירט מיין אַפּיליק פון מיינלאַזיקייט. מיר ווילן הוילן שרייבטיינעג און וואָרטפאַרגעניגן.

**יאָלאַנציאַ:** קום איך צום אויספיר אַז דו ביסט אַ שרייבמעשוגענער.

**פּאַטריציאַנאַ:** מיר בראַכן וואוינען אונטער שקלאַרענעס אומפאַרשטענדאַך. פאַרנעם דעם גערימער אויף ווערטער פאַרשטערטער פלאַכער און פראַכער געדאַנק נאַכטעלע שוואַרצעלע קראַעלע טויטעלע לידעלע מידעלע אידעלע מידעלע ווײדעלע קליידעלע די פּעאַזיעס און לײדער פון אַ'מיי דיי'לאַן מיט וורום רייסן און אַמעריקאַצעס דער פלויאַדע⟨יונגע צונגע כוואַט.⟩ אַרויסער דער גרעניץ פון געניץ מוז פלאַקערן סוואַרט זייער לויגיקע בראַך ניט בעטלען ביי אינזער טויער לייג צו סויער און פאַרנעם

**יאָלאַנציאַ:** קום איך ווידער צום אויספיר אַז דו ביסט אַ שרייבמעשוגענער צומווידערזען

**פּאַטריציאַנאַ:** צומווידערשפּעניקן.

(צווייטע סצענע פון דריטן אַקט אין דער שראַבדאַלעמאַ.)

ליב ער גרויס ער שיין ער בשי בזק שטעטס שטייט ער אין פאַרנאַכטער טראַכטער פינוועגן פאַרגאַנגענאַכץ שוין לענג פאַרגאַנענאַוועקגעגאַנגען. די קווארצע שלעפּיעס אַנגע שטרענגע אין וואַטערווייט זאַדינע באַרד ווינטלט פלוס פליסלט מערמעלט און פרעפלט און באַלשעם טרענקט גאָט דאַנק אין וועסערלעך



חדוויי פלייטלט פלויטערט אויף ווי אַ שטערן זאַנגען זינגען ציטעריצאַטער צאַרטער.

קוועלכן קוועלכן כוואַש די הענט
זימאַזאַם אַ גאָט אווראַם
קעלכן קעלכן שטייג אַרויף.

אויביק גלויביק און לויביק כאַטשעז אַ קנעכט און אַ פאַראַנע אַבער ביזקילוואַנע מיין גאָט ביזקילוואַנע

שטילנאַכט לענט צו אַן אוי ער אַב ער קיין ער האַרכטניש געוויין ער און ליב ער גרויס ער שיין ער בשי בזק זאַקט מיט געלאַכטער אזוסטין האַבעך רעדן ניש גע:ויסט איך האַב געוועסט וויסן אַז דאַן געמיט וועט צעקרישלט וואָרן אַף ברעכלאַך דאָס פּיזיערישע האַסט באַצוואַנגען און דעם יצר האלסטו אַף אַ קייט אַבער דיין גאַטדאַנק צאַנקט און פלימפּלעמלט נאָך מיט אונטערטבעקייט אונטערתאוהקייט און אונטערטענהקייט ציוואַם און ציוועם און נאַכסאַלאַקערסטו פאַר דער גרייזער רעגע פון רח און אַך מים.

צום הימאַל אַרויפשפּיזלט באַלשעם זיינע בלויקן פאַנבוג דראַני מילאַשערדני יאַך בין מעקאַבעלבאַווע אליץ וואָס מיער איז באַשווערט בשי בזק איז מיין הויער און עך זיין פאַראַנע אַבער ביזקילוואַנע מיין גוט ביזקילוואַנע.

הייסער טראַלער באַמאַנדלט בערגער און טאַלער הימאַל אויסגעשטייכנט באַשפּראַצט ניט זוויבער בשי בזק לויבער לאַז הערכן דעם צויבער פון דאַן שטמאה.

שוי שפּרוכט בשי בזק ווי שיינסיזאַליץ דערדידאָם וואָס מען רייפּט הימאַל אַנזער דאַך איז אומפאַרשטענדאַך דאָס אליץ פון לעי עי עי עי בן איז אומבאַגריפלאַך קענסט דען באַרגאַרויפן קענסט פאַרשטענדלען קענסט קונסט קונסט קענסט אויך מיט שייכעסל צו זעך און צו מעך אַכניש אויספאַרשטיין. אין ערצנאַפל ליגט דער צאַפל פון אליץ אַדער ערגיצהינטערשט און דאַך נאַהנטסטי מיט שייכל און שייכעסל צו מילבנזיך ווילסט געראַנקעלע זונעלע יעסוימעלע עלנר בוימעלע טרוימעלע הערך

אַז לוציפער האָט געלעכלט מיט טרויבנזאַפט
און געזאַנגט דער אורשטער צום אייבערשטן דורך שויבנזאַפט
אוי מיט טרויבנזאַפט אוי מיט שויבנזאַפט
אוי אוי אוי מיט טרויבנזאַפט.
אוי וואַסער וואַסער ריינט דאָס איצט
ווײנט דאָס איצט פון פאַסער.

פאַלט לוציפערן אַן אַזאַ געדאַנק
צו פאַרציקערן דעם געטראַנק
מיט וואַב און מיט לאַב
מיט געזאַנק און געקלאַנג
און פויקנגעטאַץ.

$$500\times1000000\times1000000\times10000000\times1000000=$$

וואָס איז דער רעזולטאַט, בראַט מאַי, אַך טי בראַט מאַי!
און דער באַלשעם האַרכט פלעצלאַך אַ טראַמפּלייטער וואָס טראַטאַטאַם

און א געליכטער פון לייצים און שרייצים און פון געלאכטער זינקט ארויף די לוידערע שטמאה פון בשי בזק ווי ארגל פארציילט ער א מאנסעלע צי וואס א־ער בלאטערט און בלוטערט ער די געשכיטע.

דער פליונגער ארויבער ריטערט און זונגט מיט געצייגענער שווערט פאר אלא און מאכמויד קומטער פארוויינדלען זינדיק אין פרוידיקס דעם מאזעם און יאזעם פארנעכטן פארטייליקן מיט כחאן פארביידן דאס איוואנגויאים און דעם טריי יאג נאך מיצ וואס נאך מיק וואס אויסרייטן און פארבייטן מיט בעטשעט און מעטשעט מיט וואבער און לאבער ציגעלע מיגעלע רעליגעלע

גערונק ארער געזאנג דאס איז די פרויגע ליובער בשי בזק קלארקייט און ניש טונקלמונקל מיר פארלאנגען קאמעצאלעפא און צווימאלצווייאיז און דער עיקערשט ווילן מיר א סווארעלע וועגן וואס וועט פאסירן אין סאף פון די טעג און הויפזאכלאך ווילן מיר פעסטשטעלן צי איז יא דא א גאט אויף דער וועלט און אויב יא פארוואס עסן אייניקעמאנכע שוויים מיט ברויט און אנדערע רק פוילערן און די טיפעניש גמיינישען פון געשלעכט ווילן מיר דערגערוכ־ הענטעוון און ווער דארף קונסט אינגאצן דעראיקערשט איז די שטעלונג צו ערד און דער שטאנדפונקט פון לאזונג צוריקצודרערד וועט לייזן דעם פראבלעם וועלכן פראבלעם סאנעוועבי מיין פראבלעם איין פראבלעם און וואס הארכט זיך עפעס מיט מיין פראבלעם

פארחאנג אוף פראבלעם מיט פראבלעם ציגן מיט הערנער
פראבלעם פעכט פראבלעם קאנאנען בילן ערד ווערט אפגעפארבט
מענטש ווערט אפגעשטארבט, פענער פלאטערן קאלירן מאטערן
רויט שווארצלט גרין בלויעלט ערד פרעסט מארעדאר, טארעדאר

בשי בזק היי בשי בזק ניטאאים און דער באלשוים אויך אוועקגעשווינדן און פארפליפן זענען עך און מעך און דעך און דער רויך פון איינסמקייט.

Voilà עס קומט דער גרויסער קישעפמאכער
פאר א צווייער און פאר א דרייער
מאכט ער האקוס פאקוס
אבער צו לעבן אייביק קומט דאס ניט.
קומט דאס ניט אמן סלה.

דעראיקערשט דארף מען פארשטיין פירעשכאמולעס און אויב ניט דאס איז למה וואס זה דאס אנכי יעך וואס דאס יעך?

(יאלאנציא און פאטריציאנא קליימערן אויף די תימלען)

יאלאנציא: איך שטראב נאך רו.

פאטריציאנא: קלייטער העכער, ברודער.

יאלאנציא: די פראפעלערן פון לעבן רוישן און איך
הער נאך

פאטריציאנא: קליימער נאך העכער, ברודער.

(פון דער לעצטער סצענע אין דער שראבדאלעמא)



א. לעיעלעס

# א האלבע שא

אגלי
זאגלי } יונגע מענער צווישן 18 און 20 יאר אלט.
וועגלי

בולגלי, אלטער, ארום 50

קעגלי, מאלער, 19

ענדרא
וועדרא } יונגע פרויען צווישן 16 און 18
קענדרא

אין א פרעהיסטארישער הייל אינמיטן וואלד. פאר דער הייל ברענט א גרויס פייער. פון וואלד טראגט זיך א ברומען, א רעווען, א וואיען. בולגלי גייט פון צייט צו צייט ארויס פון הייל און לייגט צו קלעצער צום פייער. אינעווייניק ברענט אויך א פייער, אין א ווינקל. בולגלי טוט דא דיזעלבע ארבעט. ווארפט צו שטיקער האלץ. ער שפאלט אויך קלעצער מיט א שטיינערנער האק.

אגלי, זאגלי און וועגלי שטייען און קלאפן גרויסעביינער פון א בופלאקס איינעם אן אנדערן איבער א שטיק אויסגעטריקנטער פעל. פון דעם קלאפן האט זיך אנגעקליבן א גרויסע קופע, א מארך־און־ביינער קאשע. די מענער גיבן פון צייט צו צייט א כאפ א הויפן, קייען און באלעקן זיך.

די ווייבער טריקענען פעל איבערן פייער, פלאפלען צווישן זיך, האלטן אין איין קיכן. אלע ווײַלע לויפט צו אן אנדערע צו דער קופע, ברענגט די כאווערטעס א ושמעניע קאשע. אלע כראמשקען הויך.

בולגלי שטעקט אפט אויס די האנט יצו די ווייבער. זיי גיבן אים לאכנדיק א שטויס מיט די פיס און שפייען אים אריין אין האנט אביסל קאשע. ער קייט מיט די הוילע יאסלעס און באלעקט זיך.

קעגלי שטייט מיט א שטיינערנער דלאטע און קריצט אויף דער וואנט. ער שארפט אלע ווייל דעם שטיין אן דיל, כאפט בעאיים מאיסע א קוק אויף די דריי פארטוענע יונגעלייט, גלאנצט אויף זיי מיט די ציינער, שטעקט ארויס די צונג, אבער גייט ניט צו, האלט זיך איין פון עסן. אויפ'ן וואנט זעען זיך אויסגעקריצטע הערנער פון הירשן, דער לאנגער שנוס פון אן עלעפאנט, די שארפע ציינער פון דעם שווערט־טיגער.

אין הייל איז ווארעם און אלע זענען אינגאנצן נאקעט. א ווייל הערט זיך בלויז — דאס קלאפן פון די ביינער, דאס קיכן פון די ווייבער, אלעמענס כראמשקען, דאס סנאקן פון פייער. ווען ענדרא קומט צו נאך א ושמעניע קאשע און גייט צוריק צו די ווייבער באפאלט אגלי'ן פלוצלינג א מידקייט. דער ביין פאלט פון זיינע הענט, ער שטייט א רגע, קוקט אויף די פרויען. דאן גיט ער זיך א לאז צו זיי, כאפט ענדרא'ן, ווייל זי אוועקשלעפן.

זאגלי דערזעט עס, גיט א בייזן ברום, לויפט צו צו אגלי'ן, רייסט אים אפ פון ענדרא'ן. ביידע מענער ראנגלען זיך.

וועגלי מישט זיך נישט אין קאמף. ער קוקט מיט וואקסנדיקער טאיווע אויף וועגדרא'ן און קענדרא'ן, שטעלט זיך אפ מיט די אויגן אויף דער לעצטער.

אויב מען זאָל
אויב מען זאָל
(אל בנה
אל בנה)
מיינען אַז דאָס איז צימבאַליק
די ריינע וואָרהייט איז
איך בין געגאָסן פֿון גאָלד
און מיין שטים איז ריינסטער פּלייט
גאָלד שמאָלד פּלייט שמייד
עס איז צום טייוול שרעקלאַך
אומפאַרשטענדלאַך

II

## ווען דזשאָים וואָלט געשריבן אידיש

אגזעם שטילשוויגערישער סופער סאַפערפרעסער צאַנדלט גענדזלאַך קעלבעלאַך פאָרצערט ׳אַלץ אַפעטיטיסימאָ פאַרצערט פּיאַ־ניסימאָ טקיעגדוליסימאָ ברייטער בודישער הינטן געזעסט אויף שטיין מיט קאַפּטנאַרבל ווישלט ער וואָנצן און דענקערט און זיפצלט און יאָפּצלט און אָכצלט פּאָכאָסידאָצקאָמו נאָווי זעער זוהר גאַבאָלע און רעבעלע.

צום געצעלט טריטלט דער אין דער נאַכט באַפרייטער טרו־מייטער און פאַלט גלייך פּאַדאַמדאָנוג צום מאַן פון וויסטא ניי ווים־טעניו הווישאַנאָ. נאַכט. נאַכט עגאל און פאַר פּע מן פון הימל בדולח אבדול אַך (שוואַכער מאַן פון האַרעמאַפּאָ באַלקאָנען איירעפּאַס צויבערצירקל פּאָליטיקל קנאַקניסל פירפאַרפיר ווער געפירט ווער געניזעקט ווער געשעדיקט מי במים מי באש ומי ברייזען).

צו אים מיט געזוויינעריי און געבעטעריי קומט שערשעלאַפּאַמניק און בעט מיט שטייפערישע גלידים דו יוינוך יונוכים יונוכימטשע דו ניט נויטבאַדאַרפטיקער הילפע גיב דערלייכטערונג דערלייכטער יונג ערנידריקט און דאָסטאָיעווקלט (אָפגעמעקט דער אַנטוי שם איד פון דער ליטעראַטכויר דער כוילע נע פאָ לע דער אידבילער גאָווערגבר פּסיכאָשטינק פון ראַסקאָל און קראָמאָל און קראָמיעם אנאלויזאַטאָר פון אָפּפּלוסטיפּן) מיינע קינדער וויינען מיינע קינדער פּאַרלאָזן מיינע שאָף און רינדער אָטשאָג דיעטיבאָיטשיקעס



מיין פרוי ביז הונדערט און צו וויינציג און צו מער און צימער און פרויענצימער און וויי ף און פּראָו עטאָ זשע אָנאָ זשענאָ על אלה אני און עיני עדני דאָ וואו טוירע דאָ איז כאָ כאמע געפין מיר אָ דאַמע אין דער וויסטע ניי פון גע שלעכט סעקס אָ פּאָן סובטילאָדזשאַז פון פּשאָקרעוו און פשיקראָ און פריקראָאָנאָליטיק פון מיידעלפאָלוס און פאָלשאָכאָלעם און פּתרון אָנאָ ליטיק מערי ליטיק און פאָראַ ליטיק פון ליטעראַתכלית און פּאָעטאָמייניע.
אגזעם שטילשוויינערישער צופאַלט אויף פון בייזבלוט פון קאָכבלוט פון צאַפּלוועלן פון צופילוועלן פון ביזוואָנעגוועלן אָנאָשיר וועלן ראַספּראַוועלן פון שיידימלאַך אָזעטיקע וואָס פליסן און פלייסן אין די קאָרפּוסצעלן און צילן און ציילן ניט איינס און ניט צוויי און נאָך און נאָך און וויפלאַשיר אויף זיין געמיט נידערט טיפע אגמא טרויער פון נעפעש פון לייב פון לייף וויל בוילעט איז אַז בלוט איז דאָס נעפעש און איך האָב דיך געזען צאַפּלען אין דם דעם דסצאַפּל צו בלאָנדשוואַרצרויט אנטבלויז בלויז מיט און אָן דאָס ציעניש פון די געשלעכטער ווייסט דער ניטגוטער פאַרוואָס און פאַרקעי פאַרקעט עס און צופילט עס און צופאַלט עס אין שאַפּטנליידן און וועגעראַליידן און דאָס סדאָמישע פון אייפּערמאָרדן איך האָב דיך געזען מיס־באָסירן און ספּאָזמירן.

דער צויבערער פון ציפערנע צפנת דער ערשטער שטייט פאַרצווי פאַלט אָנטקייגן געוויין פון דוירעס יאָגנאָך און דעם וויינער גלעט ער מיט דיזענע רייד. כהאָזוי זאָג איך פאַרמיידל דיינע זיפצן וויל ווער קען בלי נדרן דיין שמאַרצהאַרץ (נחום אברהם אליקום די גאָלדוניו איבערגעקייט פון יודישן געזאָנעק) בני סינאָק דיינע טיפע ליידן פאַר מיידן דאַרפסטו וויל דאָ אין וויסטענייִ איז וויסטעניו מיין קינד. (שיינע העלענאָ מיט דעם עפל הדעת אסתר המלכה רירט אָן די גאָלדענע פאלקע רחב די אַמוזאָנקע די אמאזוינע די זליכע מיט דעם קאַמזויל בת שבע ברכות באָדט זיך און וואָשט זיך און רייצט מיט דעם און דלילה שניידט אים אָפּ די און אבישג וואַרעמט אַלטע ביינער און סעמיראַמים מיט די געטאָקטע פיס און קלעאָ פּאַטערט אנטאָשאָן און וואשט די און יעקאַטערינאָ אַלע זיינען ענדלאַך ענלאַך וואו אָ וואו זיינען די שנייהייטן פון יעצט־איאָר.) לא מאן טאָסא לא פרוי דאָסא לא זיגמונדאָסא.

ווערטערס ליידן און פריידן הויבט אויף ער ווערטער און וואַרפט אָם ניין ווע טאָמער פאָל און ווירגין טרייסט טאַראַאַם און איזאָלסט ראָמעאָ און יולי עט פאַרקניפּט פאַרקנאָפּט פאַרקנאַסט דורך ליבאָ איינער באָם אַנדערן רייסט דאָס פייגנבלאָטערל דאָס

איינגעבלאָטער די לי־בע און לי־מע דאָס בענקענשאַפט מיט זענעפט
צימרינג. און טייוולסקויט די נאַקטאַ ווירגינאַ אינטאַקטאַ עלדאָראַדאָ
פון ששת ימי די כימעריע דערפון די מיסטעריע דערפון איז למעלה
מן און למטה מן אויבן און אונטן נערוונפאַרבינדעריי קלינגאונ־
פלאַטער פליישוויבראַציע פונדעסטאָוועגן טוט מען שפּרוכן מע־
שיכעריי דערלייזעריי וועלטעריי פאַרברידעריי וואו איז עמעס וואו
ויציב באַ לייבעלע קאַצעוו אָבער זיכער איז אַז ניט אין פלוך און
ניט אין פלאַך ווערט דאָס רויטעניש געלעזט אין דער טיפאַכץ גראָב
איך מיין האר זוך זוך זוך זוך ווי אַ הינדל קערנער איך נאָר
מיט הערנער רויז צווישן דערנער און דער עמעס איז פערנער און
פערנער אין מוזימאַלעסקולפליטעראַריכעקטור שטויבט ווילעניש
און ווילעניש צו פאַנאַנדערן צו דעציפערן צו לוציפערן צו באַשיידן
צו דעררײדן זיך צו

און דו מיין האר שלאָפסט און איך אַליין וואַך אין נאַכט.
און דו מיין האר שלאָפסט און איך אַליין וואַך אין נאַכט.
און דו מיין האר שלאָפסט און איך אַליין וואַך אין נאַכט.

יעקב גלאַטשטיין

1929 [illegible] IV

בלעז פּאַסקאַל

# געדאַנקען

7

די שטעט דורך וועלכע מיר פאָרן צופעליק דורך, אַרט עס אונדז ניט אַז מיר ווערן האָרטן נישט פאַרערט; ווען מיר דאַרפן אָבער דאָרט פאַר־בלייבן אַ שטיקל צייט. אַרט עס אונדז שוין גאָר. וויפיל צייט איז נויטיק? אַ משך פּראָפּאָרציאָנעל צו אונדזער פוסטער און נישטיקער דויערונג.

8

די נאַטור פון מענטשלאַכן איך און זעלבסטליבע, איז נאָר זיך ליב האָבן און שעצן. וואָס זשע טוט ער? ער קאָן ניט אויסמיידן אַז דער אָביעקט פון זיין ליבע זאָל ניט זיין פול מיט חסרונות און פאַרדאָרבנקייט: ער וויל זיין גרויס און ער זעט אַז ער איז געמיין; ער וויל זיין גליקלאַך און ער זעט אַז ער איז אומגליקלאַך; ער וויל זיין פאָלקאָם און ער זעט אַז ער איז אומפאָלקאָם; ער וויל זיין דער אָביעקט פון מענטשלאַכער ליבע און רעספּעקט, און ער זעט אַז זיינע חסרונות פאַרדינען נאָר זייער פאַר־אַכטונג און עקל. די דאָזיקע פאַרלעגנהייט אין וועלכער ער געפינט זיך, רופט אַרויס אין אים די אומגערעכסטע און קרימינעלסטע ליידנשאַפטן, וועלכע מען קען נאָר באַגרייפן; וואָרים ער פאַנגט אָן שרעקלאַך האַסן דעם אמת, וועלכער מוסרט אים און איבערצייגט אים אין זיינע חסרונות. ער וואָלט אים געוואָלט פאַרניכטן, און נישט זייענדיק אומשטאַנד צו פאַרניכטן דעם אמת אין דער ווירקלאַכקייט, פאַרניכטעט ער אים, ווי ווייט פון אַנדערע, און ער קאָן נישט דולדן ווען מע ווייזט זיי אים אָדער ווען ער קען, אין זיין אייגענעם באַוואוסטזיין פון אַנדערע: סמיינט, ער ווענדט אָן אַלע זיינע כוחות צו פאַרבאָרגן זיינע חסרונות פון זיך אַליין און מע זעט זיי.

עס איז אָן שום ספק זייער שלעכט — זיין פול מיט חסרונות; עס איז אָבער אַ סך ערגער זיין פול מיט זיי און ניט וועלן עס אָנערקענען, ווייל דאָס מיינט צו פאַרמערן זיי מיטן נייעם חסרון פון אַ פרייוויליקער אילוזיע. מיר ווילן ניט אַז אַנדערע זאָלן אונדז אָפּנאַרן; מיר האַלטן עס פאַר ניט ריכטיק אַז זיי זאָלן וועלן זיין געערט פון אונדז מער ווי זיי

יעקב גלאטשטיין

# כשוף־קרייטאכצער

דער טאג האט שוין געהאלטן העט־העט און דער כשוף־מאכער איז נאך אלץ געזעסן אין לאנגן שלאף־ראק און זיך געפוילט צוגיין צום פענצטער א קוק צו געבן ווי אזוי דער טאג האט זיך היינט אויסגעפוצט.

פאר אים אויף דעם שמאלן טישל איז געשטאנען די שאל קאווע. ער האט אריינגעווארפן צוויי לעפעלאך צוקער און גענומען מישן מיט התמדה ווי ער וואלט געמישט צעמאלענע כשוף־קרייטאכצער.

עס האט אים שטארק פארדראסן דעם כשוף־מאכער אויף זיין שוואכן כאראקטער. שוין צוויי יאר ווי ער האט זיך א נדר געגעבן זיך אויפצוהויבן כלחוך און הערן ווי די פויגעלאך זינגען שירה, אבער אלעמאל פאלט אויף אים אן א טיפער שלאף גראד דאמאלס ווען די פייגעלאך „רעכטן אפ זייער גאטעסדינסט".

איינמאל האט ער נאך פארכאפט ווי א פוילער פארשלאפענער פוינל האט אפגעפרעפלט עפעס אזוינס וואס איז אפשר ענלאך גע־ווען אויף שירה אבער די אמתע מארגן־קאפעליע האט ער נאך קיינמאל ניט געהערט. ער, זראבי, וואס קאן באפעלן די שרעטעלאך, וואס שדים יציטערן פאר זיין בליק, וואס לצים זיינען זיינע דינער — ער קאן אליין ניט האבן די שליטה איבער זיינע אייגענע אויגנדעקלאך אז זיי זאלן פונקט אין צייט אפטרייסלען דעם שווערן דרימל.

ער האט זיך גענומען שעלטן מיט טויטע קללות. אבער אין דער מינוט איז דורך דעם פענצטער אריינגעשפרונגען א קאץ און גלייך צוגעלאפן צו אים. זי האט אויסגעשטרעקט דאס פאדערשטע לאפקעלע און ווי א בעטלער האט זי אנגעפאנגען.

— האר און געביטער, דער וואס שפייזט א ווארים אונטער דער ערד האט מיך שוין עטלאכע טעג פארזען און פארנאכלעסיקט. שענק עפעס, זראבי, צו דערהאלטן דאס חיות — האט די קאץ געבעטן.

— לך אל נמלה עצל — האט איר דער כשוף־מאכער א ווארף נעטאן א פסוק פון וואוילגעלערנטקייט ווען אבער אין הארץ ביי אים האט אנגעהויבן ציטערן א מין ווייך געפיל פאר א קעצל נעבאך וואס דארף אנקומען צו בעטלברויט.

דאס אויסגעדארטע קעצל וואס האט שוין ניט קיין כח געהאט צו כאפן א טיפן געדאנק האט געענטפערט מיט א רירנדער פשטות.

— פרובירט זוכן ווערימלאך אויך אבער ניט געפונען.

— קאטא! א בראך דיר אין די ביינער, וועסט אויפהערן כאפן פליגן —האט זראבי אויסגעשריגן מיט א שטים וואס האט געקענט רירן א דענקמאל.



דער יאפאנעזער איז פלינק אויפגעשפרונגען און בליץ־שנעל געכאפט דעם כשוף־מאכערס וואונטש. א האלבע פלאש מילך האט ער אויסגעגאסן אין א טיפן טעלער און דאס קעצל איז צוגעפאלן און גע־נומען זיך אזוי באלעקן אז עס האט שיר ניט געחלשט פון די ערשטע גליקלאכע שלינג.

דער כשוף־מאכער האט אנגעקוואלן ווען דאס קעצל איז אוועק און א־ם צוגעווארפן א מערסי מיט די קעצישע אויגן.

מיט פלינקע טריט האט זיך דער זשוואווער יאפאנעזער גענומען גנבענען פון הינטערווייל א ביז ער האט זיך ארויפגעווארפן אויף דעם כשוף־מאכער און מיט דזשיאו־דזשיטסו־חכמה אים אוועקגעשלייַ־דערט אויף א סאפע און גענומען אים אנטאן מיט געוואלט.

לאז אפ, קאטא טייערער — האט דער כשוף מאכער זיך געבעטן און געשריען מיט באמינענע קולות. אבער קאטא האט אים אנגעטאן פון קאפ ביז פוס.

זראבי האט זיך אוועקגעשטעלט פאר דעם שפיגל און גלעטנדיק קאטאס פליכעוואטע קעפל האט ער מיט גרויס דאנקבארקייט גע־פליסטערט.

ווען ניט דו, ברודער מיינער, ווער וואלט מיך אנגעטאן. די שרעטעלאך, די שדים און די לצים זיינען געפערלאכע פויליאקעס.

מיך בלאפסטו אויך מיט דער דאזיקער חברה — האט קאטא זיך באליידיקט פון זראבים אומצוטרוי און דער כשוף־מאכער האט זיך פארדרויטלט און אויסגעשריען מיט דער גאנצער שטייפקייט פון א באפעלער.

— באשטעל א בלויען רייטער אבער שנעל!

קאטא האט זיך אונטער דעם געשריי איינגעקנייטשט אין דרייען און געענטפערט: עס טוט מיר לייד, איי עם סארי, ק'סאזשאלעניו, לדאבוני הגדול מוז איך אייך מיטטיילן אז די בלויע רייטער זיינען ארויס אין סטרייק. זיי ווילן, זאגן זיי, ניט מער שקלאפן פאר די פאעטלאך, זיי ווילן ניט עקספלואטירט ווערן, זיי ווילן זיך באפרייען אויף אייביק, אוים פאעטישע פאנטשטיזנע! פרייהייט!

אז דו ווילסט עפעס זען און הערן שיינס — האט קאטא גע־זאגט — לאמיר טאקע אוועק צו א מאסמיטינג פון די סטרייקנדיקע בלויע רייטער.

זראבי האט זיך געלאזט איינבעטן און אוועק מיט קאטאן. אין זאל איז געווען דושנע צום דערשטיקט ווערן. די סימבאלאכלאך זיינען געזעסן מעשה מעמטשן אויף בענקלאך מיט דעם גאנצן געוויכט פון זיצפלייש און ארויפגעקוקט צו דער פלאטפארמע וואו א בלויער רייטער איז געשטאנען און גערונערט:

— חברים!

זראבי האט אויף דער פלאטפארמע דערזען די באקאנטע חברה

וואָס קומט אגיטירן און אָרגאַניזירן אַלץ און אַלעמען — אַז זיי זאָלן אָבער קומען אָרגאַניזירן אפילו סימבאַלן איז אים ניט איינגעפאַלן.

עס איז אים געוואָרן רעכט אומעטיק האָט ער געכאַפּט קאַטאָן און ארוים פון שטיקנדיקן זאַל. קאַטאָן האָט ער געשיקט אַהיים שלאָפן און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד מיט דעם געדאַנק אַז אפשר וועט זיך מאַכן ער וועט פאַרבלאָנדזשען און עס וועט עפּעס פּאַסירן.

אין דער אותו רגע ווען ער איז נאָר אריין אין וועלדל און אָנגע־הויבן איינאָטעמען דעם ריח פון סאָסנע און פון דעמב און געטראָטן אויף סקריפּנדיקע געלע בלעטער און אויסגעמיטן מוראַשקע נעסטן און גענומען שעפּן פולע עמערס שטילקייט מיט די לונגען און מיט דעם האַרץ זעט ער ווי עס קוילערט זיך אַן עפּעלע.

ווערט אים די זאַך זייער פּלא און ער וואַרפט ארויף דעם הוט אויף דעם עפּעלע אַקוראַט ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיקע זאַך — אַ שמעטערלינג אָדער אַ זשאַבע.

און פאַרזיכטיק גיט ער עס אַ כאַפּ אין האַנט און דאָס עפּעלע צערעדט זיך מיט אַ מענטשלאַכער שטים:

עס מיך ניט,
שנייד מיך ניט,
וואַרף מיך אַוועק.
שייל מיך ניט,
שלינג מיך ניט,
איך בין דיין שרעק.

וויל ער אַ רוף טאָן די שרעטעלאַך, שדים און לצים אָבער ער כאַפּט זיך אַז דאָ איינער אַליין אין וואַלד איז מיטאָ וועמען צו בלאָפן מיט די אַלע שמאָכטעס נעמט ער באין ברירה און וואַרפט אַוועק דאָס עפּעלע מיט ציטערדיקע הענט.

און ווי דאָס עפּעלע איז אים ארויסגעפאַלן פון די הענט האָט עס זיך געשפּאָלטן אין צווייען און ס׳איז ארויסגעפלויגן אַ פייערדיקע פליג, וואָס האָט גענומען קרייזן אַרום אים שנעל מיט פלאַמענדיקע פליגל אַז ער האָט ממש דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּן פון דער היץ.

אָבער כהרף עין האָט זיך די פליג פאַרענדערט און ס׳איז פאַר אים געשטאַנען אַ קליין קעלבעלע וואָס האָט געמעקעט מיט אַ רחמנותדיקן מע.

אַזאַ מאָר איז ער ניט געווען אַז ער זאָל זיך לאָזן פאַרפירן און רחמנות קריגן אויף דעם קעלבל, ער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן און ניט געוואָלט הערן דאָס רחמנותדיקע רופן.

אָבער תוך כדי דבור ווערט פון דעם קעלבל אַ מיידל וואָס בלייבט שטיין פאַר אים אַ נאַקעטע און בלענדט אים די אויגן מיט אַזעלכע נחתדיקע קנייטשן און פאַלדן און מיט אַ מתיקותדיקער שטים רופט זי אויס:



— זראַבי, פיר מיך ארויס פון דעם טיפן וואַלד, שוין 72 יאָר ווי איך וואַרט אויף דיר, מיין באַשערטער.

צוויי קולות האָבן אים גענומען אריינשושקען דורךביידע אויערן, איין קול האָט געשריען: אַנטלויף, און דאָס צווייטע קול האָט גאָר־ניט געזאָגט נאָר געשיקט אַזעלכע הייסע שטראָמעלאַך איבערן גאַנצן לייב זיינעם ווייל דאָס מיידל האָט שוין אָט־אָט געוואָלט פאַרוואַרפן אירע נאַקעטע הענט אַרום זיין האַלדז און דאָ האָט ער געוואוסט וואָלט געקומען זיין סוף.

מיט וואָס פאַר אַ כח ער האָט זיך געשטאַרקט ווייס איין גאָט, אָבער ער האָט גענומען לויפן און הינטער אים הערט ער ווי סע פּאַטשן די באָרוויסע פיס פון דעם מיידל און ווי עס מעקעט דאָס קעלבל און ווי עס צישעט די פייערדיקע פליג און פּלוצים זעט ער שוין ווי דאָס עפּעלע קוילערט זיך שוין ווידער און שרייט:

עס מיך ניט,
שנייד מיך ניט,
וואַרף מיך אַוועק.
שייל מיך ניט,
שלינג מיך ,ניט
איך בין דיין שרעק.

ער איז ארויס פון דעם וועלדל און טיפער אָפּגעאָטעמט:

— פאַר היינט וועט זיך שוין זיין גענוג אָנגעפּאַסירט. אַז די בלויע רייטער סטרייקן מוז מען דאָך איינשפּאַנען די אַלע אַנדערע רייטפערדלאַך, מען מוז דאָך אַביסל באַשיינען דאָס לעבן. מען מוז זיך דאָך אָפּפאַרבן דיווירקלאַכקייט. מען קאָן דאָך ניט לעבן אַלע שעה פון טאָג מיט טרוקענע פאַקטן, לייענענדיק שילדן פון קברנים. מען מוז זיך דאָך ראַטעווען.

ער איז מיט שמעלע טריט געגאַנגען אַהיים און ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר און געהאַלטן דעם שליסל, זעט ער ווי נעבן אים שטייט אַ מיידל מיט אומגעדולדיקע גלידער.

— אַנטשולדיקט, — זאָגט זראַבי, — אָבער — און ער שטאַמלט — דאָ וואוין איך צוזאַמען מיט דעם גאַנצן ביסל רעפּוטאַציע וואָס איך פאַרמאָג.

— אָבער אַנטשולדיקט, — זאָגט דאָס מיידל, — איר האָט מיך גערופן.

ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווען און ווי אַזוי, אָבער מאַלע וואָס אַ מענטש קאָן אָפּטאָן אין אַ נערוועזן צושטאַנד. ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און איר געלאָזט זיין ערשט איבער דער שוועל.

עס איז שוין געווען נאַכט און דער בליצלאָמפּ האָט פאַרשפּרייט ליכט איבערן צימער. קאַטאָ איז ארונטערגעשפּרונגען און מיט אַ כיטרע שמייכעלע געפרעגט:

— זאָל איך אָפּטרעטן מיין בעט פאר דעם גאסט און שלאָפן מיט אייך היינט ביינאכט, הער זראבי?

— ניט נויטיק! מארש! — האָט דער כשוף מאכער אויסגעשריען און קאטאָ איז צוריק אוועקגעפאלן אויפן בעט און גענומען שנאָרכן אויף די העכסטע טענער.

דאָס מיידל האָט אומגעדולדיק גענומען ארונטערוואָרפן עטלאכע קליידער פון אירע אומגעדולדיקע גלידער און אין זראבין אליין האָט אויך אָנגעהויבן וואקסן די אומגעדולד. דאָס ליכט איז געפאלן אויף אירע זעלטענע אקסלען און אויף איר געשוירן קעפל און די אויגן אירע האָבן געפינקלט ווי ביי א קעצל.

קיין באגער האָט דאָרט מיט געפלעמלט, נאָר עפּעס מער ווי דאָס. א וויסן אין פאָרויס, א קלוג וויסן וואָס טוט זיך הינטער דעם וויסן. און דאָס האָט געהאט טויזנט חנ׳ען אז עס האָט אָנגעצונדן טויזנטער באגערן אויסצושעפּן אלע וויסנס פון אָט די אויגן אזוי, אז אפילו זי אליין זאָל בלייבן א געפלעפטע און זיך אָנצינדן ווי דער בליצלאָמפּ וואָס —

ער האָט נאָר וואָס אריינגעדרייט.

— די נאכט איז לאנג — האָט זראבי אויסגעזונגען — מען דארף זיך באהערשן און צאמען און זאמלען, מען דארף זיך באהערשן אזוי לאנג ביז עס איז איבער אלע כחות פון די אויסגעמאטערטע און פארבענקטע גלידער. איך וועל דיר דערווייל דערציילן די מעשה פון דעם מאן מיט דער גרינער באָרד.

אין לאנד כנען האָט אמאָל געלעבט אן אלטער בחור א וואָכערניק. נאָך א אינגל פון 15 יאָר איז אים דער טאטע אוועקגעשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט ניטער מיט פעלדער מיט גערטנער. אָבער דער יונגער יתום האָט געפּועלט ביי דער מאמען אז זי זאָל דאָס אלץ פארקויפן און מאכן צו געלט.

— א רעמדל אראָפּ א רענדל ארויף, אָבער געלט זאָל מיר זיין, — האָט געזאָגט דער יונגער יתום נחשון וואָס האָט זייער ליב געהאט צו זען מטבעות.

די מאמע האָט ניט געהאט קיין ברירה און געמוזט פאָלגן, ווייל דער יונגער נחשון האָט איר אויסגעקניפּט שטיקער פלייש און איר געריסן ביי די האָר.

און אז זי האָט שוין געהאט פארמסחורט אלץ וואָס איר מאן האָט מיט גרויס מי און האָרעוואניע אָנגעהויפט, איז זי פון גרויס הארצווייטיק געשטאָרבן.

דער קיילאכדיקער יתום האָט זי באוויינט און באקלאָגט און גלייך נאָך שבעה האָט ער זיך גענומען שפּילן מיט דעם געלט וואָס איז פאר אים פארבליבן. ביסלאכוויז האָט ער דאָס געלט גענומען



אויסבאָרגן אויף פּראָצענט און אלע פרייטיק צונאכטס פלעגט ער גיין אויפמאָנען און רייסן די הויט ביי אָרימעלייט.

פלוצים, אז ווי און אז ווינד, האָט אים גענומען שפּראָצן א גרין ציגן בערדל. די כנענער מיידלאך האָבן געלאכט אין די הויפנס פון דעם קארגן נחשון מיט דער גרינער באָרד און נחשון האָט נעבאך געמוזט פאָרן צו גרויסע רופאים אז זיי זאָלן אים זען ראטעווען פון דער בושה.

איך וועל זיך א מעשה אָנטאָן, — האָט נחשון געשריען, מאדיר נאָר א גרינע באָרד. די רופאים האָבן ביי אים געצופּט האָר נאָך האָר, אָבער די גרינע באָרד איז געוואקסן אלץ געדיכטער און געדיכטער.

זראבי איז אנטשוויגן געוואָרן. דאָס מיידל האָט מיט א קינדישער שטים זיך געבעטן:

— און וואָס איז געוואָרן דער סוף?

דער זייגער האָט געשלאָגן ווער־ווייס־וואָס פאר א שעה און זראבים קול איז געוואָרן ווייך ווי א געזאנג. ער האָט געזאָגט:

דעם סוף וועל איך מאָרגן צוטראכטן.

אירע אויגן האָבן געגליט אין דער פינצטער און ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיין שטים האָט אזוי געציטערט אז זיינע ווערטער האָבן זיך באהעפט מיט דער שטילקייט און מיט דער פינצטערניש.

אונדזער בוך III (1928)

יעקב גלאַטשטיין

# קאַפּיטלען

דער טויט האָט קיינמאָל ניט קיין שליטה איבער קיינעם. שטאַרבן איז אַ ווערב ווי אַלע אַנדערע ווערבן, וואָס באַצייכנט טאָן אַ זאַך, מען באַשליסט פּלוצים זיך אויסצושטרעקן און שטאַרבן. איך גיי, דו גייסט, ער גייט. איך טאַנץ, דו טאַנצסט, ער טאַנצט. איך שטאַרב, דו שטאַרבסט, ער שטאַרבט. שפּראַך, מיין טייערע, איז דער אמתטער אמת פון לעבן, שפּראַך וואָרצלט ערגעץ העט צוריק אין יענע חושכדיקע נאָך פּאַרמאַלפּעדיקע צייטן, ווען מ'האָט אָנגערופן אַ טיש אַ טיש, דערפאַר וואָס ס'האָט אַבסאָלוט ניט אויסגעקוקט ווי קיין אַנדער זאַך אויסער אַ טיש. מ'האָט אָנגעטאַפּט באַגריפן מיט ווערטער, מ'האָט באַרואיקט פּראָבלעמען מיט קלאַנגען, מ'האָט זיי געלייזט מיט שפּראַך, און ס'איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זאָגן אין יענע צייטן אַז איך וועל ווערן געשטאָרבן, אַז דו וועסט ווערן געשטאָרבן א. אז. וו. נאָר מיט דעם פאַרנונפט פון רויען חוש המישוש האָט מען אָנגעטאַפּט פּראָבלעמען און געזען אַז מענטשן זיינען איינפאַך פאַרשאָלטן זיך אַליין אָפּצוטאָן אַ שפּיצל און זיך צוגעוואוינען צום שרעק. אָך, טייערע, ווען דער שרעק זאָל אָנהאַלטן אייביק, וואָלט עס געקרעפטיקט און אונדז ניט איבערגעגעבן אין די הענט פון טויט. דער שרעק האַלט אָבער אָן בלויז ביי יונגעלייט, און ווען מען ווערט עלטער, ווען מען וואָלט אים ערשט גראָד געדאַרפט ווי אַ קעגנגיפט, דאַמאָלט נעמט מען און מען געוואוינט זיך צו צו אים און מ'הערט אויף האָבן מורא. מ'פאַרוואַרפט מיט די קעפּ, מ'פאַרלייגט מיט די פיס און מ'שטאַרבט. איך זאָג דיר אַז זינט די וועלט איז וועלט איז נאָך קיינער קיינמאָל ניט געשטאָרבן, אַלע מענטשן זיינען זעלבסטמערדער.

פון לאַנגן ריידן האָט ער געגעבן אַ גרויסן שלוקעכץ און זי האָט גלייכגילטיק געענטפערט:

— ווען דו רעדסט נאָך אַזוי אַ מינוט צוויי, וואָלסטו פאַרשטייט זיך דערמאָנט „קריסטשען סייענס“ און וואָלסט ניט פאַרפעלט צו באַווייזן דיין געלערזאַמקייט, אָנרופנדיק דעם נאָמען פון, ווי הייסט זי דאָרט, די מיסעס עדי, און וואָלסט מסתמא אַוועק אויף דעמדאָזיקן רייטוואָגן מיט די אַלע אַנדערע שמאָכטעס.

ער האָט אַ לייכטן זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— ביזט שלעכט, ערגער נאָך ווי אַ בירגערין פון סדום. טאָמער האָב איך געמיינט אַז ס'איז מיר באַלד אינדערפרי איינגעפאַלן עפּעס אַן אָריגינעלער געדאַנק, גייסטו און רויבסט מיר צו דאָס פאַרגעניגן און שטעכסט מיר פּשוט אויס די אויגן אַז איך לאַטכן מיינע געדאַנקען. פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזוי פיל שנאה? האָסט אָנגערופן, ווי הייסט זי דאָרט די מיסעס עדי, כדי צו באַווייזן אַז אפילו אויפן ניכטערן מאָגן געלינגט מיר אויך ניט צו זאָגן קיין פּיצל אייגנס.



זי האָט געשוויגן און ער האָט זיך שיר די הענט ניט איינגעשניטן, ווען ער האָט זיך געוואָלט אָנכאַפּן אָן איר שווייגן, אַזוי שאַרף איז עס געווען. עס איז געווען אַ פּיניס, געשריבן מיט אַ קינזשאַל געטונקען אין פייער. אַלע געשפּרעכן געענדיקט!

און אַזוי, האָט ער געטראַכט, הויבט זיך ווידער אָן דער פרימאָרגן.

איר בעט איז געשטאַנען ווייט פון זיינס, ביים סאַמע פענצטער. און זיינס איז געשטאַנען לעבן דעם רינפאַס, אַ ניט־דערקוילעט שטיקל פאָמעראַנץ איז געלעגן אויפן בענקל ניט ווייט פון בעט. זי איז געזעסן מיט אַרונטערגעהאַנגענע באָרוועסע פיס, אָנגעטאָן אין איר דורכזיכטיקן נאַכטהעמד, איין ברוסט האָט אַרויסגעקוקט און זיך אויסגעגלייכט נאָכדעם ווי זי איז אויף דעם געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, און אָנגעפאַנגען צוריק קריגן די פאָרם פון אַ קאָנווענציאָנעלער ברוסט, וואָס איז געווען פונקט אַזוי גראַציעז ווי דער דורכשניט פון דעמדאָזיקן אַרטיקל.

ער איז געזעסן אויף זיין בעט אויך מיט אַרונטערגעהאַנגענע באָרוועסע פיס, אָנגעטאָן אין שענדלאַכע מיאוסע מענערישע אונטערוועש. דאָס שטיקל פאָמעראַנץ האָט דערמאָנט אָן נעכטן ביינאַכט, ווען ער האָט זיך געטיילט מיט איר מיטן ביסן און זיי האָבן זיך צוזאַמען אונטערגעלענט דאָס האַרץ. ער האָט געטראַכט פון נעכטן ביינאַכט, געקוקט אויף איר און שטום אַוועקגעוואַנדערט מיט זיינע אויגן אויף דעם געקאַרבטן פאָלעפּ, וואָס איז געלעגן איבערן קאָפּ און זיך געקנייטשט אין זיבעצן פאַרשידענע זייטן, לויט עפּעס אַ מאָדנעם אַרכיטעקטור נוסח, איין שטיק האָט אונטערגעשפּאַרט דאָס צווייטע, אַז דער גאַנצער פאָלעפּ זאָל פּלוצים ניט איינפאַלן, און עס איז געווען אַ שטילער פּשוטער און אומגעקינצלטער באַוויז, אַז נסים געשעען אונטער דער נאָז — מ'דאַרף נאָר האָבן אויגן זיך צוצוקוקן.

ער האָט געקוקט אויף זיינע האָריקע פיס וואָס האָבן אַזוי נעבאַכדיק אַרונטערגעהאַנגען, און זיך דערמאָנט, ניט אָן גאַל, אַז אויך אירע פיס זיינען ניט פריי פון דעם. ער האָט געוואָרפן אויף איר זייטיקע בליקן, די ליכט האָט אַריינגעפּליִצט דורכן פענצטער, און ער האָט זיך גענומען אָנטאָן וואַרפנדיק ווערטער.

ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פרייער אויסוואַל, האָט ער זיך אַליין גענומען באַקעמפן. מ'שטופּט דיך אַרויף אויף דיין לעבנסוועג, מ'דערלאַנגט דיר גליטשערס, און מ'לאָזט דיך אַזוי אַוועקגליטשן אויף דיין שטיקל באַשטימטן

באַדן. און פון דיין טעריטאָריע איז ניט אוועקצוגיין, אַ ווייב קריגסטו בלויז פון אַרום דיר. איך מאַך אַ וועט אַז זיווגים ווערן אויסגערופן פּערציק טעג איידער מ׳וווערט געבאָרן. אפילו אַ געליבטע וואָס דו נעמסט זיך כלומרשט אַליין האָסטו זי אויך אַליין גענומען נאָכדעם ווי מ׳האָט זי דיר געגעבן אויך פון אַרום דיר. פון ווייטער אַוועק קענסטו גאָרניט ניט קריגן, עס איז אויסער דיין טעריטאָריע. ניטאָ קיין פרייער אויסוואַל, מיין טייערער.

זי האָט אַריינגעטאָן אירע פיסלאַך אין די רויטע שטעקשיך און געלאָסן צוגעגאַנגען צו אים און אים אַרונטערגעלאָזט אַ פּאַטש.

דאָס איז געווען גענוג איבערצייגנדיק און ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי האָט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן גאַנג פון זיין מאָנאָלאָג. ער האָט צורעכט געמאַכט אַלץ אויף זיך, אויפגעעפנט די טיר און מיט אַ העפלאַכן צום־ווידערזען איז ער אַרויס אויף דער גאַס.

און דאָ ערשט האָט מיט אים אָנגעהויבן צו פּאַסירן.

.2

אַלטיטשקער, אַלטיטשקער, וואָס פלאַנצסטו אַזעלכעס ?

איך פלאַנץ אַ טייטלבוים, האָט דער אַלטער קוים אַרויסגעקרעכצט אויף זיין אַלטן וויאָלינטשעל.

אַ טייטלבוים, האָט ער געזאָגט פאַרוואונדערט. ווייסטו דען ניט אַז אַ טייטלבוים נעמט גאַנצע זיבעציק יאָר ביז מ׳דערזעט עפּעס אַ פּיצל פרוכט ? קלייבסטו זיך דען צו לעבן גאַנצע זיבעציק יאָר ?

ניין, האָט דער אַלטיטשקער געענטפערט קלאָר ווי אין אַלע טעקסטביכער, מיין זיידע האָט פאַר מיר געפלאַנצט און איך פלאַנץ פאַר מיינע קינדער.

ער האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן, שיין וואָלט עס געווען, ווען דער טאָג פאַנגט זיך ביי אים פלוצים אָן מיט אַזאַ אַוואַנטיורעלע. אָט ווי מ׳דאַרף זיך היטן כדי ניט אַריינצופאַלן אין קיין באַנאַליטעטן. מ׳קען נאָך אַוועקפּטרן אַ טאָג איינס־צוויי־דריי מיט עטלאַכע אַזעלכע פּאַסירונגען און די לבנה זאָל דיר אַ שפּיל טאָן אויף איר זילבערנער פליט “The end of a perfect day”.

ער איז אַלץ געווען ביי זיין הויז. דער שטיינערנער הונט וואָס איז געשטאַנען מיט דעם אָפענעם פּיסק און באַוואַכט דעם אַריינגאַנג צו די טרעפּ איז געווען אומבאַוועגלאַך. ווידער פעלט ביי אים אַ שטיקל עק. די קינדערלאַך, אַ לעבן אויף זיי, האַקן אים ביסלאַכווייז אָפּ דעם עק און שפּילן זיך אין שטרולקעס.

ער האָט דריי מאָל געקוקט הין און צוריק, אַריינגעשטעקט צוויי פינ־



גער אין דעם אָפענעם פּיסק פון דעם הונט און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט דאָס געוויינלאַכע צעטעלע.

צוויי אַזייגער, האָטעל נמרד, דיינע.

נאָך דריי לאַנגע שעה צו וואַרטן. ער האָט גענומען לאַנגזאַם שפּאַנען איבער דער שטאָט וואָס האָט געפינקלט ווי אַ נייע. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אַזוי אַ ווייל ביים פענצטער פון אַ רעסטאָראַן און געזען ווי מ׳באַקט טייגלאַך פאַר אים אין די אויגן, אַ וואָרף אין דער הויך און אַ דריי און צוריק אויף דער פּלאַטשיקער גרויסער פאַן.

דער קעכינס געזיכט האָט נאָך אינגאַנצן ניט געהאַט אויפגעוואַכט פון שלאָף. מיט זיין רייכער רעטושיר קראַפּט האָט ער געזען ווי דער וואַרימער שלאָף קלעפּט זיך נאָך צו אירע פיינע גלידער און צום קעפּל מיט דער אינגלשער פריזור. מיט דער האַנט האָט ער אָנגערירט די שויב וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון דער קינסטלערין וואָס האָט געגעבן דעם עפּנטלאַכן באַק־קאָנצערט. מיט דעם קאָפּ זיינעם האָט ער אָבער אָנגערירט די דינע הילע פון האַלב־דרימל וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום איר קערפּער. די פאַרשעמטע הילע האָט זיך געוויקלט און אָפּגעוויקלט לויט דעם ווילן פון דער האַנט וואָס האָט מיט אַ מערקווירדיקער געניטקייט און ציטערדיק ווי אַ געבעט זיך געפלאָנטערט אויף אירע גלידער וואָס האָבן ניט פאַרדעכטיקט קיין שום שלעכטס.

נאָך דערדאָזיקער פאַרגוואַלטיקונג האָט ער דערפילט אַז ער איז הונגעריק און ער איז אַריין אינעווייניק.

אַלע זיינען געזעסן אויפן דיל און געקליבן ברעקלאַך. אַזוי רעספּעקטאַבל און מיט אַזעלכע איינגעשטודירטע טיש־מאַנירן, אַז ער האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול און באַשטעלט ביי דער דינסטער קעלנערין.

— טייגלאַך מיט האָניק און הייסע קאַווע.

— מיין הער, וואָס ווינטשט איר נאָך ?

ער צו דער קעלנערין :

— מיין דאַמע, וואָס ווינטשט איר ? ביז מיין האַלבער קעניגרייך און עס וועט געטאָן ווערן.

זי האָט אָנגענומען אַ ציטאַט פאַר אַ פלירט און זיך פאַרדרויטלט. אָט האָסטו דיר. לאָז זיך אַריין אין אינטעליגענטן געשפּרעך מיט אַזעלכע. מ׳דאַרף פּשוט אַ פרעג טאָן. ..

מיין טייערע, ווען קען מען דיך זען ?

איר ווילט אייער טשעק ? שטילער, דער אויפזעער וועט דערהערן. מאָרגן צוויי אַזייגער בין איך פריי. צוויי אַזייגער, האָטעל נמרד. דיינע.

דאָס האַרץ איז אים שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען ווען ער האָט דערהערט צוויי אַ זייגער אין האָטעל נמרד. דער מאָרגנדיקער טאָג שניידט זיך

שוין פאַר אים מיט דער זעלבער געוויינטלאַכקייט ווי דער היינטיקער. נמרד צוויי אַזייגער נעכטן און אייערנעכטן, און נאָך איידער דער היינט האָט אים געוויזן זיין רוקן, שלייערט זיך שוין פאַר אים דער מאָרגן מיט דעמזעלבן אונטערקליידל, די מאָרגן מיט דעם זעלבן אונטערקליידל, בעסער געזאָגט, האָט ער באַמערקט ניט אָן גאַל.

ראַטעוועט, ראַטעוועט, ראַטעוועט!

ווען ער וואָלט טאַקע אַזוי געשריען ווי אים האָט זיך געוואָלט שרייען, וואָלט די גאַנצע שטאָט זיך צוזאַמענגעלאָפן. אָבער וואָס וואָלט אים ארויסגעקומען? וואָלט מען דען באַנומען דעם פיינעם טאָן פון זיין קריטיק אויפן לעבן? איז שוין גלייכער זיך אונטערצוגעבן ווי אַ מעלקנדיקע בהמה.

— וואָס פלאַנצט איר, מיין ליבער הער?

— רעטעכלאַך, רעטעכלאַך, רעטעכלאַך, — האָט דער יונגערמאַן אויסגעזונגען קלאָר מיט אַ מאָרגנשטים.

— רעטעכלאַך, — האָט ער זיך גענומען וואונדערן. — דענקט איר דען צו דערלעבן עסן אייערע אייגענע רעטעכלאַך? אָדער, ווי איז אונדז, אפשר באַמיט איר זיך פאַר אייערע אייניקלאַך, פאַר אייערע אוראייניקלאַך? וואָס? אַ רעטאַך נעמט נאָך אַלץ דריי וואָכן? און אַ טייטלבוים זיבעציק יאָר, און אַ שלאַנג גייט זיבן יאָר צו קינד, און אַ העלפאַנט לעבט אפשר דריי הונדערט, און אַ פאַפוגיי הונדערטער יאָרן, אַ פאַפוגיי וואָס האָט נאָך נעקאַנט נאַפּאָלעאָנען לעבט נאָך היינט און נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארט דווקא ניט. און אַ קראָקאָדיל לעבט, און אַ שטערן לעבט און נעכטן און היינט און מאָרגן:

צוויי אַזייגער, האָטעל נמרד.

שטייט ער שוין אַזוי אין דעם סאָד פון זיין פריינט וואָס זיצט אונטער אַ שאָטנדיקן עפּלבוים און זופט פון אַ קריגל וויין.

— גוט־מאָרגן.

דער יאַפּאַנעזישער דינער ענטפערט גוט־יאָר פאַר זיין טייערן פריינט וואָס פוילט זיך היינט צו ענטפערן. נאָר אַז ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעגאָסן דאָס פינפטע גלאָז וויין, האָט זיין פריינטס גערולד געפּלאַצט און ער האָט געזאָגט:

— באַ! ....

דער יאַפּאַנעזער האָט פאַרשטאַנען און צוגענומען ביי אים דאָס קריגל וויין, וואָס איז שוין סיי ווי געווען אויסגעליידיקט. מיט אַזיאַטישער געטריישאַפט האָט ער עס באַוויזן פאַר זיין האַר, און מיט גרוים כעס האָט ער ווידער אויסגעשריען:

— באַ!

ער איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.



.3

די צייט וואָס שפּאַנט ממזריש מיט אַ געמאַכטער אומשולד און רוקט וויזערס רעגלמעסיק צו דער מינוט און צו דער רגע, ביז עס ווערן צייטיק יונגע מיידלאַך וואָס האָבן זיך ערשט געשלומפּערט אין די גאַסיקע בלאָטעס און קיינעם איז ניט איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אויף זיי ווי אויף צוקונפטיקע מאַמעס און זיך פאַררויטלען ביים געדאַנק. איצט גייען זיי מיט זיכערע פיס אויף הויכע אָפּצאַסן און מיט זייערע שיכלאַך טוען זיי בייסן.

זינדיקע גאַסן און זינדיקע שטיינער פון שטאָט. נאַקעטע קינדער און זיידענע זאָקן, בלאָע, שוואַרצע, גרינע, געלע, אָראַנזשענע, לייבקאָלירענע, צום פוס געפּאַסטע, מיט שטייפע זאָקנבענדלאַך, און אין די קליידער וואַרפט זיך, פלאַטערט זיך, באַוועגט זיך, לעבט, שרייט, יאָמערט, בעט. אַ קליינעם קוק, אַ קליינטשיקן, כאָטש אַזאַ פּיצעלע, נאַ, נאָך מער. די אומשולד קלעטערט העכער, פלאָנטערט זיך אין די אָפּגעשוירענע האָר און מ׳קען זי ניט געפינען. אַ נישטער דאָ און דאָרט און העכער. ניטאָ קיין אומשולד. און ערגעץ איז זי דאָך דאָ, ערגעץ. ווילסט זען מיין אומשולד? טרעף מיך אויף די טרעפּ פון שטאָט־מאַגיסטראַט. דערווייל —

אַ גרויסע שויפענצטער. מאָדעלמיידלאַך דרייען זיך ארום שטיל און קוים באַוועגלאַך ווי וועקסענע מאַנעקינעס. אַ קלייד אַראָפּ אַ מאַנטל ארויף. נאַקעטע אַנטבלויזטע הענט. שטילע, ווייכע, וואַרימע, אַרומנעמענדיקע. איך דריק דיך שטאָט, צו מיין האַרץ, הער ווי עס קלאַפּט טיק־טאַק און שנעלער, שנעלער, שנעלער.

דער שטאָטזייגער אויפן סקווער זינגט זייגער צוועלף. קליק. אַלע שרייבמאַשינען זיינען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אַלע סטענאָגראַפיסטקעס מיטאַמאָל ארויס. אַן אַרמיי וואָס וועט פאַרצערן פויגלשפּייז. ס׳טעלערל פון הימל און אַ טעלערל אייזקרים מיט אַ שטיקל פּאַי. די אָקסן די געבראָטענע שטייען און דרייען מיט די עקן און וואַרטן אויף דער מענער־אַרמיי וואָס אַרבעט אויף ברויט און אויף ליבע.

ענערגיע. מ׳דאַרף האָבן ענערגיע. אַ האַלצהעסער אַזוי פיל, אַ שמיד אַביסל מער. פאַר אָט־די דינע, שוועבנדיקע, פלאַטערנדיקע, גראַציעזע קינדער וואָס שלינגען פאַרפרוירנס.

וואָס טוט ער צווישן זיי מיט זייער געמאַכטער ערנסטקייט, מיט זייער פאַרטיילן דעם טאָג אויף שטיקלאַך פליכטן. ער וואָס פירט זיין ליידיקייט וואָס איז אויסגעגאָסן פון איין שטיק, ער וואָס פירט ווי אַ בער ביים שטריקל די מאָנאָטאָניע זיינע וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ הויכן זיידענעם הוט.

שעמען מעג ער זיך אין זיין וויטן האַלדז אריין. ער, אַ מאַן מיט אַזעלכע אייזערנע הענט וואָס וואָלטן געקאָנט רייכער מאַכן דער הימללינ־יע

פון דער שטאט, דרייט זיך ארום און טוט גארנישט. אפילו קיין גאלף שטרענגט ער זיך נים אן צו שפילן ווי אן אנשטענדיקער מיליאנער וואס שפילט אויס זיין לײדנשאפט צו א ביסל ארבעט.

אויף א באנק אין שטאט־גארטן א יונגע באנע זיצט און רויכערט א ציגארעטל. דאס קינד באדט זיך אין קילער גאלדענער אקטאבער־זון. די באנע א פוס אויף א פוס פארלייגט זיצט און טאשט איבער אירע צוויי צענדליק מיט עפעס יארן ווי געניצטע קארטן. ניין, בלויז די לעצטע עטלאכע יאר זיינען גענוצטע קארטן. ווילסט א קארט, נעם, ריר אן, באפלעק. געצייכנטע קארטן. קיינער וועט שוין מער ניט שפילן מיט זיי. מ'וועט. ביז וואנען וועט מען?

ער זעצט זיך אוועק אויף א באנק אביסל ווייטער און ער טראכט, ער פרובירט זיך דערמאנען. ער וואלט געוואלט צוזאמענגעמען אין א פעקל אלץ וואס ער ווייסט און עס באהאלטן אין א שאפלאד, דער זכרון ווערט ביי אים לעצטנס אפגעטעמפט. וואס ווייסט ער? ער ווייסט אז וואגנער האט געשריבן רוישיקע מוזיק, וואס אנדערע זאגן אזוי און אנדערע שפארן זיך. בערנארד שאו זאגט אזוי, אבער טאלסטאי האלט ניט פון שעקספירן. צום טייפל, צו וואס דארף זיך נאך ביי אים אין מוח פלאנטערן זיין אדער ניט זיין? מ'דארף נעמען א לאנגן מעסער און עס אויסשניידן.

וואס נאך ווייסט ער? עטלאכע נעמען פון מאלער, סקולפטארן, פילאזאפן, נביאים, נעמען פון ביכער, און א סך אפגעפליקטע ציטאטן פון דער ביבל, א ציטאט, א בילד, א באגריף. יא, עטלאכע נעמען פון ערפינדער. כאטש ווער ס'האט ערפונדן וואס, איז אים ניט אזוי קלאר.

געשיכטע. אנגעפאנגען מיט, נו צוגעגעבן, מיט תהו ובהו, און געענדיקט מיט אסקוויטן, וואס האט רעזיגנירט אלס פירער פון דער ליבעראלער פארטיי. ער ווייסט אויך וועמען מ'רופט דער קליינער וועלשמאן. ניט קיין סך. מ'קען עס אלץ פארזיכטיק איינפאקן און אוועקווארפן אין דער קליינער אזערע וואו די קינדערלאך, א לעבן אויף זיי, לאזן אפ שיפלאך מיט קליינע ווייסע זעגלען.

און די באנע האט שוין אנגעצונדן א צווייט ציגארעטל און בלאזט אוועק צווייפלען און אומאנשטענדיקע פארשלאגן מיטן רויך. און וואס באשטייט איר ארבעט? אויפפאסן און זיין העפלאך. העפלאך דארף דאך אבער האבן א גרעניץ. עס מוז דאך העפלאכקייט אבער האבן א גרעניץ ———

# צוויי לידער

## אויף הארטער ערד

(פונם ציקל „אויף די ברעגן פון אמור")

.1

ברידער פון בארוועסן לעבן.
עס שפראצט ניט קיין זאנג פון דער ערד רויערהייט.
ווער קומט דען אהער נאך לייכטער, צעפעלדיקטער פרייד?
פון אייביק האבן מיר זיך אנגעטרויט
דער העלער, ווייטיקדיקער פרייד וואס קומט דורך פיין
פון ברענענדיקן קאמף און אויסדערוויילטן, לויטערן
מארטירער־טויט.
וועלן מיר פיינלאך פאראנקערן די הענט אין הארטן באדן,
און אויסגראבן די פרייד, די זאפטיקע
פון אייגן ברויט.
ניט קיין וועגן לייכטע,
ניט קיין גרייטן ברויט מיט האניק: א פראצעוועו אויף פעלדער, —
דערווייל — איינפארביק און איינטאניק.
נאר אויגן מיט פייער און קעפ מיט גערולד האבן אונדזערע הערצער
אין ווייטיק געשולט:
מיר זוכן נאר פרייד וואס איז ווערט אונדזער בלוט, דערפאר איז אונדז
נאענט דער ווייטסטער,
דער שווערסטער מארשרוט.
מיר שטאמען פון דורות וואס ווערן פאר גלויבן מיט שחיטה באלוינט.
מיר האבן אין מדבר געוואוינט.

.2

א לאנד האבן מיר
מיט לויטערע פארנאכטן. א לעבן —
א וואקסנדיקער וואלד — א קלאר־פארטראכטן.
אונדזער פעלד איז פרימיטיוו און ווילד,

קיין אורזאך פארוואס זיי זאָלן זיך ענדיקן. דאָס וואָס דער שטאָף לאָזט זיך אוים איז ניט געגונג.

וואָלט דער אויפפיר ניט געווען באהערשט פון דעם פרעמדן גייסט פון דער גויאישקעוואטער דיבוקיאדע, וואָלט דער רעליגיעזער עלעמענט געקאָנט אויסוואקסן פון דער אלטעגלאכקייט צו א הויכן קלימאקס פון רעליגיעזן עקסטאז, און ניט ווערן אזא בלאסע באוועגלאָזע סצענע ווי די קידוש-השם סצענע איז אין דער דראמע.

אפילו די דעקאָראטיווע זייט פון דעם אויפפיר ליידט פון דער עמאָציאָנעלער אומעכטקייט. דעקאָראציעס אין א מאָדערנער דראמע זיינען ניט קיין הינטערגרונט פאר דער האנדלונג. זיי זיינען א וויכטיקער טייל פון דעם גאנצן ווערק. אָסטראָווסקים געמעלן זיינען אָן איבערצייג און זיינען נאָכקרימעניש! נאָך עמיצנס געטראכטע געדאנקען וואָס קאָקעטירן שטענדיק מיט א זיסלאכן רעאליזם ווייל, ווי עס ווייזט אוים, פילט ער זיך אמבעסטן אין אזא אטמאָספער.

דער אמת איז דער: דאָס טעאטער וואָס שווארץ זוכט וואָלט געקאָנט זיין מיין טעאטער. וואָלטן זיין עקזיסטענץ בארעכטיקונג און זיין אידיש-קייט אָפּגעהאנגען פון דעם אידיווידיועלן קינסטלער, וואָלט ער געווען אן עכטער קינסטלער און א איד, — וואָלט זיין ווערק געווען דאָס אידעאלע אידישע טעאטער. אָבער דערווייל איז דאָס טעאטער פון גאָלדפאדן, ניט פארפעלשט און פארשווערט פון מאָדערניזאציעס, דאָס איינציקע אידישע טעאטער מיט א אידישן סטיל.

אונדזער בוך IV (1929)

יעקב גלאטשטיין

# נאך קאפיטלען

## I

עטלאכע און צוואנציק יאָר זיינען מאן און ווייב געגאנגען צוזאמען דעם זעלבן וועג, געמאָסטן די זעלבע גאסן, געגאנגען אין דער זעלבער ריכטונג — אהין און צוריק, פאָראויס און ארונטער — געשלעפּט, ווי מען האָט זיך שוין א סך מאָל אויסגעדריקט, דעם זעלביקן יאָך פון לעבן וואָס איז, למען האמת זאָל עס געזאָגט ווערן, געווען געפּאקט אין צוויי פעקלאך (איר איז אָנגעקומען דאָס גרעסערע פעקל) ביז ער האָט פלוצים באשלאָסן.

עס איז אייגנטלאך ניט געווען קיין באשלוס, נאָר עס איז געשען פון העלער הויט און גראָד ווען אויף איר צוקנייטשט פּנים האָט זיך אָנגעהויבן צעגיסן א פרייד אין זעקלאך פעטס, א פרייד וואָס נאָך אלע ארופן אראָפּן און ארומען עלטערט מען זיך פאָרט צוזאמען און מען גייט צוזאמען לאנגזאם אנטקעגן דעם (ניט צו דערמאָנען איר די לעצטע יאָרן ווען עס ווילט זיך פארגעסן) טויט.

עטלאכע קינדער וואָס האָבן געזאָלט זיין די אָנווייזונג אויף נחת זיינען אויך נאָכגעגאנגען מיט קינדישן לייכטזין און אויף די וועגן געזוכט אייגענע זוכענישן וואָס האָבן דעם טאטן דערמאָנט אז עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט. די מאמע ווידער איז מיט שווערע פיס געגאנגען אלץ ווייטער מיט געהויבענעם שטאָלצן קאָפּ און ניט באמערקט אז ביי א זייטיקער אלייע האָט זיך דער מאן פלוצים פארקערעוועט און פארשוואונדן.

פארשטייט זיך אז עס זיינען פאראן גענוג מיטלען ווי אזוי אויפ-צוזוכן א פארשוואונדענעם מאן. די שטאָט-פּאָליציי איז צום דינען. די שטאָט-גאזעטן שרייבן אויספירלאך וועגן דער פארלוירענער מציאה און די סימפּאטיען פון פאָלק זיינען אלעמאָל מיט דער אומגליקלאכער עגונה. דאָס איז אָבער ניט אונדזער עסק. מיר ווילן זיך איצט בלויז פארנעמען מיט דעם ליגן וואָס דער מאן האָט גענומען פארפלאנצן אין דעם מדבר פון זיינע אומבאשטימטע וועלונגען. ער האָט זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן פאר זיך אליין, האָט ער זיך גענומען איינרעדן אז ער זוכט

עפּעס אַן אידעאַל. און אַז אויף עלטערע יאָרן, האָט זיין שכל וואָס האָט געהאַט אַ שאַרף צינגל, געטענהט, טאָר מען דען ניט זוכן עפּעס אַזוינס (פאַרוואָס מורא האָבן פאַר אַ באַנאַליזירטן אויסדרוק?) וואָס קען אָנגערופן ווערן אידעאַל.

אָפּגעלעבט (טענהט ער אַלץ צו זיך אַליין) אַ לעבן. געהאָרעוועט, געפּלאָגט זיך, געזאַמלט געלט. אַ וועלט האָט דערווייל געשטורעמט, געמאַכט קאַזשעלקעס און ער, וואָס האָט געקענט און געדאַרפט זיין אין די פעדערשטע רייען, איז גאָר געגאַנגען אין שפּאַן און זיך גלייכגילטיק געעלטערט. בייִם וואָרט „געעלטערט" איז ער געבליבן שטיין. ער האָט גענומען אַראָפּדינגען ביי זיך עטלאַכע ציפערן און ער האָט גלייך באַשלאָסן צו פאַרשווייגן דעם גאַנצן עסק. ניט אימיצער פרעגט אים, ניט אימיצער דאַרף דאָ וויסן ווי אַלט ער איז. ווייטער ווענדט זיך עס אין אים אַליין. אויב ער וויל נאָר קען ער איבערצייגן אַז ער איז אַזוי יונג ווי עס וועט זיך אים נאָר אויסגלוסטן און צוזאַמען מיט זיין קאָלאָסאַלער דערפאַרונג פון יאָרן — דאַרף מען נאָך אַ בעסערן און רייכערן פאַרמעג?

II

און אַזוי טראַכטנדיק זעט ער ווי עס קומט אים אַנטקעגן אַ דין דאַמעלע, וואָס פירט אויף אַ זילבערן קייטעלע אַ דין חיהלע מיט אַ דין שפּיציק קעפּעלע וואָס האָט אויפן ערשטן קוק אויסגעזען ווי אַ הינטל און פונדעסטוועגן דאָך ניט ווי קיין הינטל. אַזוי ווי אויסער אים און דעם דאַמעלע איז קיינער אויף דער אַלייע ניט געגאַנגען, האָט ער אַ דריק געטאָן זיין מוט ביי דער ריכטיקער פּרוזשינע און זייער יונגנטלאַך און קאַוואַלעריש באַגריסט דאָס דאַמעלע.

— גוטנאָוונט אייך! זענט איר מיר אַ שטיינער זאָגן וואָס איז דאָס פאַר אַ חיהלע וואָס איר פירט אויף אַ קייטעלע?

דאָס דאַמעלע האָט אויפגעעפנט איר רויט מיילכל און געענטפערט:

— דאָס איז אַ קליינער דרעסירטער טכויר וואָס איז דרעסירט צו פאַרפומירן זיינע אויסדרוקן אין געזעלשאַפט און איך זאָג אייך אַז יאָ פאַרפום און ניט פאַרפום, וועט אַ מאַן אין אייערע יאָרן וואָס האָט פאַרלאָזט זיין ווייב ניט זיין אויסקלייבעריש און נאָכגיין אַ דאַמע אפילו ווען זי פירט אַ טכויר.

— פונוואַנען זיינט איר אַזוי זיכער? — האָט ער געפרעגט ניט אָן גרימצאָרן.

— אַלץ וואָס איך זאָג איז באַזירט אויף פאַקטן.

— באַזירט? — האָט ער אויסגעשריען. — צום ערשטן מאָל הער



איך אַז אַ דאַמע זאָל נוצן אַזאַ הילצערנע צייטונגסשפּראַך.

— איך אַליין בין אויך אַ פאַקט און בין באַזירט.

— וועט איר מיר מוזן אַנטשולדיקן, אָבער אפשר קענט איר מיר געבן דעם אַדרעס וואו איר באַזירט זיך?

זי איז ניט רויט געוואָרן, נאָר זי איז גלאַט ווי אין וואַסער אַריין. האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער האָט גערעדט צו אַ סימבאָל און ס'איז אים געווען אַ גרויסער שאָד, ווייל די דאַמע האָט אויסגעזען צו זיין רייצנד ביז גאָר.

ער איז געגאַנגען ווייטער און געטראַכט אַז איצט האָט ער עפּעס פון וואָס צו טראַכטן. די נאַאיוויטעט פון אַזאַ סימבאָל צו מיינען אַז מען קען אים אין אַזאַ איינפאַכער פרימיטיווער פאָרם לערנען לעבנסוויזהייט. הער נאָר אַ ביסל די ביליקע דעקאָראַציע! אַ דאַמע און אַ טכויר וואָס פאַרשווינדןביידע און לאָזן ביידע ניט איבער קיין לעבעדיקן שאַרפן אָטעם אָדער אַ ריח וואָס זאָל זיך לאָזן געדענקען, נאָר אַן אויךמיר געדאַנקל וואָס איז ווערט די קלענסטע קופּערנע מטבעה אין יעדן לאַנד. האָט ער באַשלאָסן אַז אויף ווייטער דאַרף מען זיין פאָרזיכטיקער זיך ניט אַריינצולאָזן אין געשפּרעכן מיט קיין סימבאָלן נאָר פריער דאַרף מען אַ טאַפּ טאָן אויב מען רעדט ניט צו קיין בלוט און פלייש און אַלע אַנדערע זיבן זאַכן.

ער האָט געשפּאַנט און געטראַכט אַז ער מוז ווי אַ לאַמטערנע טראָגן פאַראויס די דערפאַרונגען פון יורגען וואָס האָט אויך ווי ער פאַרלאָזן אַ ווייב און גענומען זוכן. יענער איז אָבער געווען אַ פּאָעט און אַ לאַמבאַרד-איינגנטימער. האָט ער פאַרמאָגט די צוקראַכנקייט צו באַגייסטערן זיך פאַר יעדער זאַך וואָס מען טרעפט אָן אין וועג און דעם ציניזם פון דעם מלוה אויף משכנות וואָס לאַכט אויס די אייגענע באַגייסטערונגען.

דערווייל האָט די געהיימע האַנט פאַרזיגלט דעם טאָג און אויסגעפּאַקט די שענסטע בלאָע נאַכט וואָס איר גלייכן האָט ער שוין ניט געזען אין יאָרן. אַ קילע בלויקייט האָט אים אַריינגעאָטעמט אין פּנים און איבער זיין קאָפּ איז געשוואומען די זילבערנע באַגלייטערן פון אַלע וואַנדערער און דערשראָקענע קינדער. די שטערן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער שטרענגער אָרדנונג לויט אַלע פאָרשריפטן פון די אַסטראָנאָמען און זיך געמיניעט און געפינטלט און זיך געביטן מיט די ערטער און צוריקגעלאָפן באַלד אויפן אייגענעם אָרט כדי ניט צו פאַרלעצן די געפילן פון דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. עטלאַכע ווידערשפּעניקע האָבן מורד געווען, האָבן זיי אין גאַנצן פאַרלוירן דאָס פּלאַץ און גענומען פאַלן און פאַלנדיק האָבן זיי זיך געוואָלט אָנכאַפּן אָן אַ שטיק בלוי, האָט זיך די

בלויקייט צעזילבערט און געפאַלן מיט אַזאַ פּראַכט אַז עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז דאָ שפּילט מען פאַר אים איבער דאָס ערשטע קאַפּיטל פון מעשה בראשית.

אויף ביידע זייטן זיינען פּלוצים אויסגעוואַקסן שטעגן מיט גראָז און ער האָט דאָס גאָרניט באַטראַכט פאַר אַ וואונדער, ווייל אין אַזאַ נאַכט האָבן נאָך גרעסערע וואונדער געקענט פּאַסירן. און האָט דען ניט פּאַסירט דאָס גרעסטע וואונדער וואָס ער גייט דאָ אַליין, איינער אַליין, וואָס ער האָט פּלוצים אָפּגעוועקסלט פון גלייכן וועג און זיך פאַרנומען נאָט ווייס וואוהין.

דאָרט ביים סוף וועג וואַרט אַ מצבה און עס וואַרטן הונדערטער בירגער וואָס ווייסן געניי ווי אַזוי צו טאָן רעכט אַ מענטשן וואָס ענדיקט זיין וועג ווי אַ מענטש דאַרף ענדיקן. און דאָס ווייב (אַ מאָדנע באַשעפעניש וואָס שלעפנדיק די גרעסערע פּאַק, האָט זי פונדעסטוועגן אָנגעזאַמלט דעם כח אים איבערצולעבן) שטייט און וואַרט מיט גרויס גליק און צופרידנהייט גרייט צו באַוויינען אַ געטרייען מיטגייער — האָט ער זיי אַלעמען אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. מיט איין טריט איז ער אַרויס פון דעם געוויינלאַך פון מיליאָנען פּאַליאַנטן שטויביקע אומאינטערעסאַנטע ביאָגראַפיעס.

— האַלט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיינע געדאַנקען וואָס זיינען זיך פּלוצים צעלאָפן ווי יונגע לאָשיקלאַך. — די נאַכט מעג טאַקע זיין אַ צויבערן, אָבער אפילו דער גרויסער הודיני וואָלט מיר ניט געקענט איינרעדן אַז אַנטלויפן פון אַ ווייב איז אַ גוואַלטיק אָריגינעלער איינפאַל און פאַלט אויך ניט אַריין אין דעם ציקל פון די אומאינטערעסאַנטע, שטויביקע לעבנסבאַשרייבונגען פון מילי-מיליאָסן בירגער.

## III

און ווי ער גייט אַזוי אויף דער אַלייע הויבן זיך אָן אין אים צעשפּילן אַלע צעשטראַלטע בענקענישן וואָס זיינען אַלעמאָל געלעגן אַזוי טיף אין אים אַז ער האָט קיינמאָל צו זיי ניט געקענט דערגרייכן און די בענקשאַפטן שטערענען אויס זיין שטעג אַז עס דוכט זיך אים ער טרעט די גאַנצע צייט אויף אַ מילכוועג פון מיליאָנען פלאַטערנישן. און אַלץ קומט אַרויס פון אים ווי אַ שוויים און שלאָגט אַרויס אויף אים און וואַשט אים ריין אַז ער דערפילט זיך אַזוי גוט ווי אַ יונגער זעלבסטמערדער וואָס איז נאָר וואָס אַוועק פון לעבן.

מיטאַמאָל הויבן זיך אָן אַלע אַבסטראַקציעס אַרום אים פאַרגופן. זיי זאַמלען זיך צענויף און וואַקסן אויס אין געשטאַלט פון אַ יונגן באַגלייטער



פון בלוט און מילך און אַכצן אויסגעצערטלטע יאָר. דער יונגער באַגלייטער קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן יאָגנדיק זיך נאָך אים.

— האַלאָ! — שרייט ער אויס אַ פאַרסאָפּעטער. — איר לויפט און ווייסט אַליין נישט אַז איר לויפט אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין דער איינזאַמקייט פון דער אַלייע. עס זעט אויס אַז איר האָט מורא מען יאָגט זיך נאָך אייך און איר לויפט נאָך אַלץ מיט דעם ערשטן אימפּעט. דערפאַר ווייסט איר נישט אַז איר זיינט אַזוי אומגליקלאַך אַליין און שפּעטער, גיב איך אייך מיין וואָרט, וואָלט איר עס דערפילט און זיך באַדענקט.

ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין יונגן באַגלייטער און זיך גענומען דערמאָנען אַז ער האָט דאָס געשטאַלט געזען מיט עטלאַכע און דרייסיק יאָר צוריק און ס'איז אים אויסגעקומען פּלא וואָס אויף אים אַליין איז אַרויפגעשפּרונגען די עלטער און דער יונגערמאַן וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אָפּשפּיגל אין וואַסער קוקט אויס פריש און יונג. אָבער ער האָט דאָס אַלץ פאַרשוויגן און אים בלויז געענטפערט:

— אַז איך אַנטלויף פון עפּעס און האָב מורא אַז מען יאָגט זיך נאָך מיר איז דאָסמאָל אַ גוטער טרעף. אויב איר ווילט אָבער זיין מיין באַגלייטער אויף דעם דאָזיקן וועג מוז איך אויסנעמען אַז איר דאַרפט ווערן בלוט-רעאַל. איך בין אַ גרויסער פלאַפּלער און ווילוויסער און עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז איך זאָל פּלוצים אַ פרעג טאָן וועגן דער לאַגע פון די מינענגראַבערס אין פּענסילווייניע. עס איז אַ טרוקענע האַרבע פראַגע און מען מוז ענטפערן דאַרויף אָן סימבאָלישע דריידלאַך. איך האָב זיך נאָר וואָס אָפּגעבריט מיט אַ סימבאָל וואָס האָט מיר איבערגעלאָזט אָן אָדיעזנע עפּעס אַ פאַרשמאָלצענעם אמתיזם.

— עס איז אייער אייגענע שולד, — האָט דער יונגערמאַן זיך צעקלונגען מיט אַ געלעכטער. — איר האָט פּונקט אויסגעקליבן די אַלייע וואו די סימבאָלן דרייען זיך אַרום און קלינגען מיט אָפאָריזמען ווי זונות אין אַ קליינשטעטל מיט די שליסלען. אָבער מיר גייען שוין באַלד אַרויס פון דאַנען און מיר דערנענטערן זיך צו

פייערווערק האָבן גענומען בלענדן פאַר די אויגן אָבער דורך דעם געשפּיל פון ראַקעטן האָט ער געזען אַ צעפּענצטערט הויז וואָס איז געשטאַנען משופּעדיק אויף אַ באַרג און זיך געוויגט אין אַלע זייטן מיט פּאַיאַצישע שטיק. אַרום דעם הויז האָבן געסווישטשעט עלעקטרישע ווערטער ווי הונדערטער לבנות און זונען און דער וועג איז געוואָרן אַזוי קלאָר אַז דער יונגער באַגלייטער האָט אים באַמערקט:

— אָט איז שטאָטישער רעאַליזם. מיר שפּרייזן אַריבער די געפּאַרסטאַנציע. דאָס איז דאָך אייער אייגענע בראָדוויי. אין דרויסן שטייט

דער נעגער און פויקט און קלאַפּט אין טאַצן און מאַכט אַ טומל. ער איינער אַליין איז דאָס דער בראָדוויי-טומל ווייל אין דער אמתן איז אינווייניק געגעצדיק-לאַנגווייליק און פּוסט און שטיל און גאָרניט פּאַסירט.

— דאָס איז אַ ביסל איבערגעטריבן און איך האָב מורא, — האָט ער באַמערקט צו זיין יונגן באַגלייטער, — אַז אויף דער סאַמע גרענעץ ווילט איר מיר אויך פאַרקויפן אַ שטיקל מליצה. געוואוינהייט איז גע-וואוינהייט. איר וועט מיר באַלד נעמען איינרעדן אַז דעם דאָזיקן נעגערס ברודער ארבעט זומער אין קאָני איילאַנד.

בראָדוויי האָט זיך אַרונטערגעקייקלט פון דעם משופּעדיקן באַרג און די עלעקטרישע לבנות זיינען פאַרלאָשן געוואָרן. עס איז געוואָרן שטאָק-פינצטער, געלויכטן האָט בלויז דאָס קרישטאָלענע פּנים פון דעם יונגן באַגלייטער וואָס האָט געוואָרפן ווערטער ווי הייסע קוילן.

— איר גייט איצט אַדורך דעם איינזאַמסטן וועג. איר זיינט מיט מיר און דאָך אַליין פאַר זיך. איך וויל אייך העלפן, איך וויל אייך באַגלייטן אָבער דאָך זיינט איר אַזוי פאַרשאָלטן אַלייניק. איך וויל רעדן צו אייך אָבער איר הערט ניט. איר זיינט איינער אַליין, איר זיינט עלנט. איר שרייט, איך הער, אָבער מיין ענטפער איז אייך דער ווידערקול פון אייערע אייגענע געשרייען. איר זיינט פאַרשאָלטן אַליין. איר זיינט איינזאַם.

און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשן און געבליבן פאַרהילט אין פינצטער-נישן ביז אַ האַנט האָט אים פּלוצים גענומען פירן דורך דער טונקלניש.

הלל גורני

# די אידישע פאָרטאָלאָגיע

## ווירקלאַכקייט, אמת, און וויסנשאַפט*)

מיר ווילן איצט אַ ווײַלע צוקומען צו דער פאַנטאַסטישער פאָרמאָ-לאָגיע אין אידיש, כאָטש מיר האַלטן נאָך ניט דערביי. מיר נעמען דעם אידישן שטיינער פון ניט-פריער ניט-שפּעטער (אין מוקדם ומאוחר), כדי איצט צוקומען צו דעם, ווייל מיר האָבן דאָס שוין עטלאַכע מאָל דערמאָנט.

נאָר אפריער, איידער מיר נעמען פאַנטאַזירייען און ניט-ווירקלאַכ-קייטן, וועלן מיר באַהאַנדלען ווירקלאַכקייטן, אמתן, און וויסנשאַפט.

וואָס ביי אַנדערע איז אַ פּאָזיטיוו, און הייסט גאַנץ פעסט (אין קלאַנג און בילדלאַך) וויסנשאַפט; און געוויסע טיילן ווערן אפילו גענוצט אין פּראַקטישן לעבן (די פּראַקטישע וויסנשאַפטן); און האָט אַזאַ באַ-שטימטן פאָרם און קאָליר און קאָנקרעט. — דאָס איז ביי אונדז ניט זייער באַשטימט,**) און ס'הייסט וויסן, מיט אַ ווייכן דעת. דעה. (זע די מאָדנע ענלאַכקייט אין דת—דעת). שפּעטער צו, אין דער לעצטער צייט, איז דאָס פאַרביטן געוואָרן פאַר אַ מער-פעסטערן וואָרט: מדע. אָבער

*) די צוויי קאַפּיטלאַך וועלן, ווי דער לייענער וועט שוין מסתמא אַליין פאַרשטיין, זיין נאָר אַן אַריינפיר צו דעם ענין. שפּעטער וועט דאָס נאָך עטלאַבע מאָל דאַרפן ווערן באַהאַנדלט פון אַנדערע זייטן.

**) אידן באַציען זיך גאַנץ לייכטזיניק צו די אַלע פּראַקטישע וויסנשאַפטן. אַזוי נעמט אַ מלמד זיינע שבירות ניט פאַרן לערנען נאָר פאַרן בטלענען (וואָס ער גיט הייסט עס אַוועק זיין צייט). אַ דאָקטאָר, זאָגט ס'אידיש ווערטל, ווייסט אַ קרענק. און נאָך אַ סך באַקאַנטע אַלטע און נייע ווערטלאַך וועגן דאָקטאָר. אַן אַפּטייקער איז אַ מופקר, אַ הפקר־יונג, אַ גיפט־מישער. און אַזוי פלעגט מען רופן יענע באַבעצעס וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קרייטאַכצער־רפואות: גיפטמישער. און אַפילו צום ספר, צום טרוקענעם וואָרט און בוכשטאַב, זאָגט מען אידיש: חמור נושא ספרים, און ענלאַכע שפּאַס־ווערטלאַך וואָס ווייזן, אַז אידן זיינען ניט דער „עם הספר“, ווי גוים רופן זיי (דער פאָלק פון „בוך“, וואָס באַציט זיך, אַז זיי האָבן געגעבן דעם באַרימטן „בוך“, דעם תנ"ך, אָבער ווערט שלעכט אָנגענומען פאַר אַ פאַלשן טיטל פאַר אידן אַלס ספר־פאָלק); אידן זיינען גיכער ווו זיי רופן זיך: דער עם חכם ונבון; וואָס וויל פאַרשטיין עפּעס.

(1930) V אונזער בוך



אויף פעלדער, אין וועלדער,
שטרעקן הענט זיך: באַוויליק!
בעטן אויגן
דורך דער לענג און ברייט פון יאָר.
אין געוואָרגענער וואָר
אויף גאַסן, אין סאָבוויים,
בענקען מענשן נאָך אַלץ נאָך וואונדער,
כאָטש זיי גלויבן נישט מער אין זיין געבוירן.
אָ, איך וועל אַמאָל וואַרפן פון זיך די געוועבן
וואָס וויקלען מיך, פענטן ארום
און מיט מיין נאַקעטקייט
אָנטרינקען אייער דאָרשט.
און הער:
ס׳וועט זיין ווי יענער גרויסער באַשער,
דעמאָלט,
דעמאָלט אין גאָליל.
די מאַדאָנע האָט גערעדט נאָך לאַנג,
נאָך לאַנג און היים און גיך.
נאָר איך — כ׳האָב שוין מער נישט פאַרנומען.
אין פלאַטער אין פרומען האָט געגענט דאָס קומען
פון אָפּנהאַרציקע לבנות און זונען,
און כ׳האָב געשפּירט ווי עס רירט זיך גאָטס גייסט אין מיר
ווי אַ האַז, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ פויגל.

א. לעיעלעס

יעקב גלאַטשטיין

# מיאוס קאַניע שעדעם

עס איז שוין געווען חצות ווען עזריה האָט זיך ארויסגעגנב׳עט פון הויז און אוועק אין גאַרקיך.

די קעלנערין האָט אים באַגריסט מיט א בייזן קוויטש.

מען דאַרף האָבן א יאַנדעס זיך ארויסצוגנב׳נען פון ווייב׳ס בעט אזוי־נער 13 ביינאַכט, א בייזע כאַראַבע אויף דיר. אין אזא קעלט לאָזט מען איבער ס׳ווייב, טרפה׳נער האַלז, און מען גייט נאָר נאַפּשעכאַצקע.



וואָסי? זעט זיך אפּפירן א באַס הינטן? — האָט זיך עזריה געוועֶרט — א גוואַלטיקער מאַלער.

מען האָט דיך גוט אין דר׳ערד. מיט אזא מאַנטשיק דאַרף מען שלאָגן די כפרה — און צורעכטמאַכנדיק זיך א גאַנצן קלומפּער האָר וואָס איז איר נעקראָכן אין די אויגן איז זי צו צו עזריה׳ן — וואָס זאָל עס הייסן? באַווארקע?

עזריה, וואָס האָט זיך דערווייל געהאַט אוועקגעזעצט ביים טישל, האָט איר קודם געגעבן א קניפּ אין א ווייך אָרט און גלייך גענומען פאַרצערטלען דעם אייגענעם קניפּ ווי ער זאָל גלעטן אן אָפּגעבריטע זאַך. די האַנט זיינע האָט געמאַכט אזעלכע קליינע טריטעלאַך און אונטערגעציטערט אַלעמאָל ווי הינטער דער האַנט וואָלט נאָך געווען א שכל דערביי.

און זי איז געשטאַנען און זיך נישט געווערט, נאָר ברוגז באַמערקט.

קנייפּ! קנייפּ! ס׳אַרט דיך? ס׳איז רען דיינס?

עזריה האָט געקוקט אויף דער קעלנערין וואָס איז געווען אפשר פיר מאָל זיין ווייב אין דער ברייט און א דריטהאַלבן מאָל אין דער לענג.

אָט דאָס איז א מוידטשינע — האָט ער געזאָגט אין דער הויך, כלומרשט פאַר זיך. — פלוסטער! אמת׳ער פלוסטער! צו דיר מיין ליבלעבן טוט מיך ציען. מיט דיינע פולקעס טוסטו בריען. אוי, טאַראַדידל טאַראַדיי, אוי, טאַראַדידל טאַראַדיי.

זי האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער און אוועק פאַלדעוונדיק זיך הינטערן לייכטן קליידל און ער איז צוגעפאַלן מיטן שטערן צום קאַלטן, ווייסן, שפּיגלדיקן שטיין פון טישל.

אמת׳ער מירמלשטיין איז דאָס נישט, אָבער ס׳קילט א מחיה. מען פילט אז מען איז דאָ אויף דער וועלט—האָט ער געזאָגט צום טויזנטסנמאָל שפּינלנדיג זיך אין דעם בלאַסקנדיגן שטיין ווי א קינד.

און אז זי האָט אים געבראַכט דאָס ביסל באַווארקע — איבערגע־זאָכט, און האַלב פאַרברוינט מיט שטיקער פאַרטריקנטע הויט־צויטן ארום גלאָז — האָט ער איר גענומען דערקלערן, אז זי איז פשוט גרויס־אַרטיק.

עזריה, עסט מיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט דיינע ריידעלאַך. די טרפה׳נע יוכע דיינע וועט דיך נאָך אַמאָל אליין פאַר׳שרפה׳ן.

אָבער זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און געשטאַנען איבער אים מיט דער גאַנצער קנאָבלדיקער היץ אירער. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די הייסע שאָל און מיט דער צווייטער האָט ער ווידער מייסטערלאַך קאָמאַנדעוועט איבער איר כל טוב, דאָס פנים אירס האָט זיך צעיאַכמערט און צעפלאַסערט און זי איז געוואָרן ווייכער און געפּיסטשעט ווי א הינדעלע.

איי איז דאָס א איד! כ׳פארגין דיר דען נישט! נישט מער, מען בראָך האָבן איאַנדעס! אינמיטן דער נאַכט האָט זיך אים פארגלוסט — באַווארקע.

וואו איז דאָ זיסיע?

ער פּאָפּט שוין. וואָסי? ער ווייסט אז ער קען זיך אויף מיר פארלאָזן. א כשר׳ע בהמה, ווייסט ער, בין איך.

איז דאָך גוט? און ער האָט פארזשמורעט אן אויגל אויף א פראַנגעציייכן.

איז ערשט נישט גוט, ווייל יאַקאָרשט מען זעט נישט קומט אריין יאָסל, דיין שלימזל׳דיקער שאָטן. און ער וואָס איז? א פלינג?

און זי האָט אים אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף דעם סאַמע ווייטסטן טישל וואָס איז געשטאַנען אונטער א פארקאָפּטשעטן לאָמפּ. ביים טישל איז געזעסן א שטיק עמיץ וואָס האָט ארום זיך געוואָרפן אזעלכע לאַנגע שאָטנס וואָס האָבן אים אליין געהילט אין טונקלניש. די לאַנגע סערמיגע האָט געוואָרפן א שאָטן, דער גרויסער קאָפּ האָט געוואָרפן זיין שאָטן און די האַק וואָס איז געלעגן לעבן אים האָט געוואָרפן איר שאָטן, און עזריה האָט אונטערן האַרץ דערפילט פארפרוירענע פישוויך.

עס זיצט אזוי דאָ די גאַנצע צייט?

די גאַנצע צייט זיצט ער אזוי און קוקט מיט אן אויגל. איין אויג שלאָפט ביי אים און דאָס צווייטע כאַפּט א שפּאַציר איבערן גאַנצן גאָרקיך.

איז ניט גוט!

איז צווײמאָל נישט גוט! מיינע גליקן מיט דעם מיטנדערנאַכטיקן לייזאַכץ. אז איך טענה מיט זיסיען די גרויסע געשעפטן מעגן אביסל שלאָפן ביינאַכט. מעט מיט מיר נאָך דאָ טאָן אלץ אין דער וועלט און מיך דערהרג׳נען פאר א צולאָג נאָך אלע גליקן. טשאָרט סוואָיע, פּאָפּ סוואָיע. א געשעפט זאָגט ער טאָר נישט שלאָפן. א געשעפט זאָגט ער דארף גיין. גיין זאָל ער אויף קוליעס דער קארגער תרח. א כאַראָבע זאָל אים אויסדישן.

אין עזריהן האָט עפּעס א פריקרע שרעק געקראַצט אין די געדערים.

ע! כ׳האָב מורא, כ׳האָב היינט דאָ אריינגעטראָפן אין דעם רעכטןנעדעכטן.

עזריהשי, כעל חלש׳ן אויב דו וועסט מיר נישט אויסרעדן די מורא. מאָל דיר עסט שוין פונדאַנען נישט אוועקגיין. כ׳האָב מורא פאר דעם ערל. כעל פאר דיר טאָן אלץ אין דער וועלט. זאָלסטו איינגעמען אויב דעסט זיך רירן פון אָרט. כעל דיך באַהאַנדלען ווי א פסח׳דיקע מלכה, אבי זיי דאָ מיט מיר.

איז מאַך זיך נע׳פגר׳ט און ווייז נישט אז דו כאַפּסט א ציטער, ווייל



די לייט אז זיי זעען מען האָט מורא צינדט זיך ערשט אין זיי אָן דאָס טרפה׳נע בלוט.

ביסטו זיכער, הייסט עס, אז ער איז
מיט א קאַלט געלעכטערל, וואָס האָט איר א שניט געגעבן איבערן האַלז
ווי א חלף, האָט ער א זאָג געגעבן:
וואָס־זשע דען וועט ער זיין?

זי איז אוועק און פאר קוראַזש וועגן האָט זי גענומען זינגען: „מיאַלעם סקאָניע שעדעם, פּאָיעכאַלעם נאַ וואָינע!". זי האָט אונטערגעטופּעט מיט די פיס אין א טענצל און טופנדיג האָט זי פארלוירן א קלאַנג וואָס האָט אָפּגעהילכט איבערן פארקאָפּטשעטן גאָרקיך. דער קלאַנג איז געלאָפן פון טישל צו טישל און אומעטום זיך פארנויגט מיט א פּשעפּראַשאַם —

ס׳טרעפן זיך אזעלכע זאַכן!

די טיר האָט זיך געעפנט מיט א טראַמאַך און יאָקל איז אריין ווי א ווינט. יאָקל האָט זיך באַוועגט שנעל ווי אויף פרוזשינעס און ווי מען וואָלט אים פריער געוועזן אָנגעשרויפט. ער האָט דערלאַנגט עזריהן א כמאַל איבערן היטל.

שוין געקומען פאררוקן ס׳טשאָלענט? זיצסט שוין דאָ לאַנג? ער האָט א כאַפּ געטאָן א שטול, א וואָרף געטאָן אין לופט מעשה קונצנמאַכער, זיך א זעץ געגעבן לעבן עזריה׳ן, און גלייך גענומען קלאַפּן איבערן טישלשטיין.

באַווארקע זאָל מיר זיין!

די קעלנערין איז צו און דערלאַנגט, יאָקל האָט איר געגעבן א שנעלן סניפּ ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען דערביי און ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה. ער האָט גענומען זופּן די באַווארקע.

עזריה! איך טרינק היינט אויף דיין חשבון. זאָל איך אזוי, עס איז מיר וואויל ווי די וועלט.

וויצן אָן א זייט. יאָקל, כאַפּ א קוק דאָרט־אָ און דו וועסט ליגן איינגעלייגט.

האָט ער געכאַפּט א קוק.

ווער איז דאָס דאָרט דער גויעשקער גאָט?

ש... פון די ריכטיקע חברה־לייט!

אָט כאַפּ איך און ווער נתפעל!

אָבער די קעלנערין האָט אים דערלאַנגט א סיף אין דער זייט, אז עס איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

העלד מיינער. שמשון אגבור, כ׳מאַך איבער דיר אריבער. פאר יענעם אָגמעלעך אבאָשן האָט ער שוין אויך נישט קיין מורא. יאָקל מאַך זיך האַריץ — און זי איז אוועק א טענצל איבער דעם גאָרקיך.

מיאַלעם קאַניע שעדעם, פּאַיעכאַלעם —

אויף יענער זייט פענסטער איז געלעגן די נאַכט און כאַטש די מינוטן אויף דעם גרויסן וואַנט־זייגער האָבן געקלאַפּט, האָט זי זיך נישט געביטן אויף קיין האָר — עס איז געווען שפּעט ביינאַכט און מער גאָרנישט. אַ מינוט אַרויף, אַ מינוט אַראָפּ, ביי אַזאַ שוואַרצער נאַכט שפּילט עס קיין ראָליע נישט. די מינוטן זענען פאַרלוירן געגאַנגען ווי שפּילקעס, גייט זוכט זיי.

גיב אַ שפּיי, עזריה, און הער בעסער דעם סוף פון דער געשיכטע, וואו זיינען מיר נעכטן געבליבן שטיין?

דאָרט וואו נאַפּאָלעאָן האָט באַגעגנט דעם בטלן.

יאָ, מאַכט אַזוי נאַפּאָלעאָן, דו גיסט אַ קוק אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל, זעסט שטערן? זעסט דעם זינגענדיגן מילך־וועג? זאָגט דער בטלן, אָט כאַפּט איך און ווער נתפּעל. וואָדען זאָל זיין אויף אַ הימל, נישט קיין שטערן? זאָגט נאַפּאָלעאָן צו אים. כ'מיין נישט אַזוי די שטערן ווי די שווינקייט, די לויטערקייט פון דער נאַכט. זאָגט צו אים דער בטלן, אָט ווי דו זעסט מיך און צו נאַפּאָלעאָנען, הער אויף דרייען אַ ספּאָדיק, אַ איד האָט נישט קיין צייט פאַר אַזעלכע זאַכן, אַ אידיש קינד נעמט גלייך ביים געבוירן די מאַמעס ברוסט אין מויל און ווערט נישט נתפּעל. ער ווייסט לכתחילה אַז דער אויבערשטער האָט אים אָנגעגרייט נאַרונג און מכוח שטערן, וואָס זשע דען זאָל אַ הימל האָבן? אַ ליידיקער הימל וואָלט דאָך געהאַט אַ פּנים פון חוזק.

עזריה'ן איז די מעשה נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געקוקט אויפן ווינקל וואו דער לאַנגער גוי איז געזעסן און זיך נישט גערירט פון אָרט. איצט האָט ער שוין געזען גאַנץ קלאָר די האַק וואָס איז געלעגן און געבלאַסקעט אין דער פינסטער אויף דעם ווייסן טישל און אי דאָס פאַרשלאָפענע אויג און אי דאָס אַנדערע אויג וואָס האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט אויף אים און אים דורכגעבויערט פונוויטנס.

און עזריה האָט מיט אַ זיפץ איבערגעריסן יאָקלס געשיכטע.

הערסט יאָקל, הלוואי זאָל איך בלייבן אַ ליגנער. עס איז ביטער!

אַלץ דער — אָ!

איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אָפּגעצויגן און געשטעלט פיס, אָבער ס'איז אַ רחמנות אויף דער מוידטשינע, זי וועט דאָ אויסגיין, ער וועט איר דאָ פאַרגוואַלטשען און קוילן.

הייסט דאָס, אַז דו ביזט זיכער ער איז
וואָס זשע דען וועט אַזאַנער זיין?
איז טאַקע נישט פריילאַך.

נישט פריילאַך — האָט די קעלנערין וואָס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן



אויך אַריינגעוואָרפן ווי אַ שטיינדל אין וואַסער — ס'רירט זיך גאָרנישט פון אָרט.

און ער דאָרט האָט זיך פּלוצים געגעבן אַ הויב אויף אין דער גאַנצער לענג און אַריינגעדרייט דעם לאָמפּ. עס איז געוואָרן פינסטער אין גאָרקיך. אָבער נאָך פינסטערער איז געוואָרן ביי עזריהן אונטער דעם צאַפּלדיקן שטיקל אומרו וואָס האָט געטיאָכקעט.

די קעלנערין האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון טישל וואו עזריה איז געזעסן איינער אַליין, ווייל יאָקלען האָט פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן אַ שלשול און ער איז אַריין אין דעם קלאָזעט.

קרוינעניו! עזריה'שי, טו עפּעס, זעסט דאָך שוין מיט וואָס דאָ שמעקט.

און פּלוצים איז ער אויסגעוואַקסן אין דער גאַנצער בייזער לענג זיינער ביי עזריה'ס טישל. ער האָט זיך פּאַמעליכן און געלאַסן צוגערוקט אַ שטול און זיך געזעצט עזריה'ן אַנטקעגנאיבער.

מען זאָל דאָ נעמען באַשרייבן וואָס פאַר אַ ווינטמילן עס האָבן געמען טרייבן עזריה'ס האַרץ, ווי אַזוי עס איז אים געוואָרן הייס און קאַלט, ווי אַזוי עס איז אים געוואָרן אַ מינוט צום טויט?

האָט ער, דער גויעץ, אוועקגעלייגט די האַק אויפ'ן טיש און דערלאַנגט דער קעלנערין, וואָס האָט זיך געטוליעט צו עזריהן, אַ פּעטשל דאָרט וואו ער האָט געטראָפן אין דער פינסטער.

אָטאָ קאָביעטאַ! דאָ דיאַבלאָ!

קאָביעטאַ! האָט עזריה צוגעשטימט.

מען דאַרף פאַר אים נישט מורא האָבן. עפּעס זעט ער, אַז מען ציטערט דאָ פאַר אים. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אַ מענטשן — האָט עזריה געלאַכט אומבאַהאָלפן אין דער פינסטער ווי ער וואָלט געזעסן אויף שטעכנדיקע דראָטן. און די קעלנערין האָט גענומען גלעקלען: „מיאַלעם קאָניע שעדעם, פּאָיעכאַלעם נאַ וואָינע".

אָטאָ קאָביעטאַ דאָ דיאַבלאָ!

פונדעסטוועגן זאָל מען נישט מיינען, אַז ער איז פון די צוויי פאַר אַ גראָשן. ביינאַכט אין וואַלד וואָלט ער נישט געראַטן קיינעם זיך אָנטרעפן מיט אים.

אַזוי הייסט דאָס, אַז דער פּאַן איז — האָט עזריה געטאַפּט אין וואָגן מיט אַ טאַנדעטנער גלייכגילט.

פאַרקערט, ער איז נישט קיין שלעכטער, אַז זיי גיבן דאָס געלט מיט גוטן איז גוט, אָבער אַז נישט — און ער האָט אויפגעהויבן די האַק, אַ פיר געגעבן איבער זיין אייגענעם האַלז, איינמאָל און צוויי מאָל, אַ כאָרכל געטאָן ווי אַ געקוילעטער האָן און זיך צעלאַכט מיט דעם לויפנדיקן אייגל.

ער האָט געריסן דאָס צווייטע אייגל, אָבער עס איז אַלץ צוגעפאַלן אָן כחות און געשלאָפן.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי גיבן נישט מיט גוטן — האָט עזריה איינגעזען די גערעכטיגקייט דערפון און געוואָרימט די קאַלטע ציטערדיקע האַנט זיינע ביי דער קעלנערן אונטער דעם קליידל.

איז פונדאַנען קען מען גלייך זען, אַז צו שרעקן זיך פאַר אים איז נישטאָ וואָס.

זשעטשעווישטשע!

דו הערסט יאָקל — האָט עזריה געשריען צו יאָקלען וואָס איז אַרויסגעקומען קנעפּלנדיק זיך פון קלאָזעט, ער איז אַ גוטער מענטש, דער פּאַן, פאַרשטייט זיך, אַז זיי גיבן נישט מיט גוטן — און עזריה האָט געגעבן אַ כאַפּ די האַק, זי אַ פיר געגעבן איבער זיין האַלז און זיך צעלאַכט ווי אַן אָקס. דער גויעץ האָט מיטגעהירזשעט. די קעלנערן האָט אונטערגעטאַנצט.

הייסט דאָס, האָט יאָקל ווידער אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַרן בויך, איר האָט דאָ פעסטגעשטעלט אַז ער איז אַ

וואָס זשע דען וועט ער זיין?

איז דאָך שוין נישטאָ וואָס נתפעל צו ווערן, אַז מען ווייסט מיט וועמען מען האָט צו טאָן איז שוין אַ האַלבע צרה, עס איז אַלרייט.

דאָ איז עזריה אויפגעשפרונגען מלא רציחה.

מיט איין וואָרט האָסטו איבערגעפירט די גאַנצע געשיכטע. אין אַ גאַרקיך וואו עס זיצט אַ גויעץ מיט אַ שאַרפער האַק פאַסט דיר נישט אַנדערש ווי אַ זאָג צו טאָן אַלרייט. אַזוי אַרויסצוגיין אינגאַנצן פון כאַראַקטער איז אומדערהערט.

און דיין אומדערהערט און אַרויס פון כאַראַקטער פאַסט דיר אויך ווי אַ פּאַטש צו גוט שבת. אַלרייט האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט, ווייל נישט פאַר דיר געדאַכט, דער שלשול.

און מיינע אינטעליגענטסקע רייד זיינען שוין אויך געקומען פון פאַרצווייפלונג. איך האָב געזען אַז דו האָסט איבערגעריסן דעם גאַנצן פאָדעם, איז וואָס זשע בלייבט צו טאָן?

צו בייטן די דעקאָראַציעס!

דזשעק, ביסט אַ דזשיניוס!

איזי, ביסט קאָלאָסאַל!

די נאַכט האָט זיך פּלוצים אַ דריי געגעבן און אָנגעפאַנגען קריגן ליכטיקע פאַסן, דער גויעץ האָט אַ פּאַק געטאָן די קעלנערן און מיט איר אַוועק אין אַ הינטער־שטיבל.

און דזשעק מיט איזין האָבן גענומען אַרומשוועבן ווי בינעזישע בינע־



מייסטער, זיי האָבן איבערגעשטעלט די טישלאַך, צערוקט די שפּאַנישע ווענטלאַך, צעשטעלט די בענקלאַך און שווייגנדיק ווי אין אַ טאַנץ האָבן זיי אונטער די הענט געביטן דעם גאַרקיך אויף אַן אמת׳ע פערצנטע סטריט קאַפעטעריע.

איצט, האָט איזי (עזריה) געזאָגט, מעג מען פולשטענדיג זאָגן, אַז עס איז אַלרייט.

אוודאי — וואָדען, האָט דזשעק (יאָקל) צוגעבאַמקעט. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ וואָס נתפעל צו ווערן?

און דער טאָג האָט זיך גענומען פאַנאַנדערוואַקסן אינדרויסן און נאָכפּילדערן יעדן מילכוואָגן מיט אַ ליאַרם.

# אויף די ביינדלאַך פון ווינט

## א.

אין לופטן שלאָפן טענער אויף די ביינדלאַך פון ווינט.
שלאָג איך אַ ביינדל. רייס אָפּ אַ ציטיק טאָן.
ביים אים אָן. אויב ער געפעלט מיר, שלינג איך.
שלאָג איך ווייטער:
ציטיקט, ציטיקט, טענער. ביינדלאַך, גיכער מיטן ווינט.
זעטיקט מיין געפעל, טענער קלאַנגען אין דער לופטן.
וואָס וואָרטן און גייען אויס אין מיין געפיל!

איך הער זיך צו: זייער שלאָף איז אין אַקאָרד וואָס אָטעמט
רופט און צירקלט מיט געקלאַנג אַ נעץ פון רעגן—רעגן—רעגן—
רעגנט זיך, ציטיקט צירקל לעבן געוועבן פון ביטער מיט זיס
מיט אַלע געפילן וואָס דאַרפן זיך שפּילן מיט אַלע פאַרלאַנגען־געזאַנגען.
איך הער: עס איז גרייט יעדע ביינדל צו מיין באַריר:
שלאָג וואָס דו ווילסט, און דער שפּיץ פון דיין צונג־וואָרט
נאָך איידער ער קלינגט וועסטו הערן אין ווינטל.
די ביינדלאַך פון ווינט אין כאָר־אַקאָרד שלאָפן
ווען איך הער זיך צו.

## ב

אונטער אַ בלוי היטעלע בלויע אויגן בלויזן זיך אַרויס